Библиотека имени Я. А. Эйгеса
№




# דער ערפאלג פון דער יודישער קאלאניזאציע

## אין ארץ ישראל

### פאר די לעצטע 25 יאהר.

א רעדע, געהאלטען אין אדעס דעם 3-טען מאי 1907 יאהר אין זאל „אוניאן" דורך מ. אוסישקין.

35.000—30.000 קאָפּ.

זעקסטע פערבעסערטע אויפלאגע.

אדעס תרע"ד.
דרוק פון נ. הײלפערין, יעקאטערינינסקי 36.

# פערלאג „ציוניסטישע קאפיקע־ביבליאטהעק".

1 № מ. ל. ליליענבלום. ראשון לציון. פרייז 2 קאפ. 20,000 עקז.

2 № מ. אוסישקין. דער ערפאלג פון דער יודישער קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל פאר די לעצטע 25 יאהר. פרייז 3 קאפ. 35.000 עקז.

3 № ד"ר י. ספיר. דער אכטער ציוניסטען־קאנגרעס. פרייז 1 ק. 20.000 עקז.

4 № וו. זשאבאטינסקי. דאס באזעלער פראגראם. פרייז 2 ק. 35.000 עקז.

5 № ש. שווארץ. דער שקל. (דריי אויפלאגען). פרייז 1 ק. 35.000 עקז.

6 № י. ראבינאוויטש. פאר וואס ארץ־ישראל? פרייז 2 ק. 30.000 עקז

7 № ד"ר פאסמאניק. די פערווירקליכונג פונ'ם ציוניזם. 3 ק. 20.000 עקז.

8 № מ. ל. ליליענבלום. דער פאלעסטינא־קאמיטעט. פרייז 2 ק. 15.000 עקז.

9 № א. ווארבורג. צי טויג א"י פאר קאלאניזאציע. פרייז 1 ק. 20.000 עקז.

10 № ד"ר יוסף קלויזנר. משה רבנו. פרייז 1 קאפ. 20,000 עקז.

11 № ליעדער פאר'ן פאלק נעזאמעלט פון ל. יפה, פ. 10 ק. 13.000 עקז.

12 № י. ל. בערגער. דער יודישער נאציאנאל־פאנד. פרייז 2 ק. 20.000 עקז.

13 № משה קליינמאן. אונזער נאציאנאל־שפראך. פרייז 2 ק. 10.000 עקז.

14 № ציוני פשוט. וואס איז אזוינס ארץ־ישראל. פרייז 3 קאפ. 10.000 עקז.

15 № מ. ל. ליליענבלום. גאולה תתנו לארץ. פרייז 2 קאפ. 15.000 עקז.

16 № ד"ר י. ספיר. די געשיכטע פון ציוניזם. א. פרייז 3 ק. 10.000 עקז.

17 № ב. גאלדבערג. די יודישע קאלאניאל־באנק. פרייז 3 ק. 10.000 עקז.

18 № משה קליינמאן. דער גלות. פרייז 3 קאפ. 10.000 עקז.

19 № ב. שפיעלבערג. יודישע ארבייטער אין א"י. פרייז 2 ק. 10.000 עקז.

20 № גר. בראדאווסקי. די געשיכטע פון א"י. פרייז 3 ק. 7.000 עקז.

21 № ש. שווארץ. די ציוניסטישע ארגאניזאציע. פרייז 1 ק. 15.000 עקז

22 № פראפ. שץ. בצלאל. פרייז 5 קאפ. 10.000 עקז.

23 № מ. זיידמאן. די העברעאישע קאנפערענץ. פרייז 2 ק. 10.000 עקז.

24 № ד"ר י. ספיר. דער ניינטער ציוניסטען־קאנגרעס. פרייז 2 ק. 10,000 עקז.

25 № משה קליינמאן. רבי מ. ל. ליליענבלום. פרייז 2 ק. 10.000 עקז

26 № מ. שאליט. די בילו'צעס. פרייז 1 קאפ. 10.000 עקז.

27 № ד"ר פאסמאניק. אונזער „נאציאנאלע קולטור". 2 ק. 10.000 עקז.

28 № ש. גארעליק. אויף וואס דארף מען דאס? פרייז 2 ק. 10.000 עקז.

29 № ד"ר י. ספיר און מ. קליינמאן. א. ל. לעווינסקי. פ. 2 ק. 7.000 עקז.

30 № א. ל. לעווינסקי. א רייזע קיין א"י אין יאהר ת"ת פר. 5 ק. 5.000 עקז.

31 № ד"ר מ. גליקסאן. די געשיכטע פון ציוניזם. ב. פרייז 5 ק. 7.000 עקז.

32 № ד"ר י. ספיר. דער 10־טער ציוניסטען־קאנגרעס. פר. 2 ק. 10.000 עקז.

33 № ציוני פשוט. די וויכטיגקייט פון יודישען ארבייטער אין א"י פר. 1 ק 10.000 עקז.

34 № פ. קאפלאן. די יודישע נאציאנאל־ביבליאטהעק. פר. 2 ק. 10.000 עקז.

35 № ד"ר י. ספיר. דער 11־טער ציוניסטען־קאנגרעס. פר. 3 ק. 8.000 עקז

אויף נאכנאהמע שיקען מיר ניט וויניגער ווי אויף א רובל.

**Одесса. Д-ру І. Сапиру. D-r I. Sapir, Odessa.**

די פאָרליגענדע בראָשורע איז אָנגעשריבען געוואָרען מיט 6 יאָהר צוריק און פיעל פרטים האָבען זיך פאַר דער צייט אין ארץ־ישראל געענדערט. אין אַלגעמיינעם אָבער האָט די בראָשורע ניט נור נישט פערלוירען, נור אדרבא נאָך פיעל געוואונען אין ווערטה, ווייל די פּאַלעסטינאַ־ארבייט בכלל האָט פאַר דער צייט געמאַכט גרויסע טריט פאָראוים.

מיר געפונען דעריבער פאַר נויטיג אצינד נאָך אַמאָל ארויסצוגיבען די דאָזיגע בראָשורע אין אַ נייער אויפלאַגע, און כדי דעם לעזער צו האַלטען אויפ'ן לויפענדען, האָבען מיר, מיט דער הסכמה פונ'ם מחבר, צוגעגעבען אַ רייה בעמערקונגען, וועלכע ווייזען אָן אויף די פאָרגעקומענע שנוים און דערפילען דאָס, וואָס ס'פעהלט אינ'ם עצם טעקסט.

### פערלאַג „קאָפּיקע ביבליאטעק".

אין דער הקדמה־רעדע מיינער מיט א וואך 5 צוריק אין ציוניסטישען קלוב „קדימה“, האב איך אנגעוויזען אויף די גרויסע זויכטינקייט, וועלכע ס'האָט די קאָנצענטראַציע פון פאָלקס־רצון און דאָס אָנווענדען איהם צו איין בעשטימטען צוועק. אין דער רעדע מיינער האב איך בדעה צו בעקאַנט מאַכען אייך מיט די רעזולטאַטען, וועלכע מיר האבען בעקומען, ווען ס'האָט זיך אונז איינגעגעבען צו קאָנצענטרירען נאָר איין טייל, נאָר א קליינעם טייל רצון פון יודישען פאָלק און אָנצעווענדען איהם אין איין בעשטימטען אָרט.

אז דער צוקינפטיגער היסטאָריקער פון יודישען פאָלק וועט וועלען כאַראַקטעריזירען די לעצטע 25 יאָהר, וועלכע מיר האבען איבערגעלעבט, וועט ער אָט די צייט געוויס אָנרופען די עפּאָכע פון דער צוזייהונג און צושפּרייטונג, ווייל די עמיגראַציע, אימיגראַציע און מיגראַציע פון יעדער מין און געשטאַלט זענען געוועזען דער הויפּט־אָנגרונד פאַקטאָר, דער בולט'סטער און לעבעדיגסטער אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק פאַר די לעצטע צייט. אינ'ם משך פון די 25 יאָהר האָט דאָס רוסישע יודענטום אַרויסגעוואָרפען אויף יענער זייט פון דער רוסישער מדינה העכער $2\frac{1}{2}$ מיליאָן מענשען — $\frac{1}{8}$ פון דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג. דאָס רומענישע יודענטום האָט אַרויסגעוואָרפען העכער הונדערט טויזענד מענשען, אויך $\frac{1}{3}$ פון דער גאַנצער דאָרטיגער יודישער בעפעלקערונג. דאָס גאַליציישע יודענטום אויך אַזא צאָהל. אויך אַנדערע לענדער: טערקיי, עסטרייך דייטשלאַנד, ענגלאַנד, אונגאַרן א. א. וו. האבען אין א גרעסערער אָדער א קלענערער מאָס אָנטייל גענומען אין דעם דאָזיגען פּראָצעס. און בנוגע צו די לענדער פון דער אימיגראַציע, איז ניטאָ קיין איין לאַנד אין דער וועלט, וואוהין דער יודישער עמיגראַנט איז ניט אַריינגעדרונגען. לענדער, וואָס זייערע נעמען זענען געוועזען אונבעוואוסט אונזער פאָלק, זענען איצט געוואָרען צענטרען פון דער יודישער אימיגראַציע. כמעט אַלע בריטען, אַלע לענג פון דער ערד האבען זיך בעקענט מיט די יודישע עמיגראַנטען. איהר קאָנט זיי בעגעגענען אין קאַנאַדאַ, בראַזיליען, אַרגענטינען, מעקסיקאָ, אין די פעראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ, קובאַ, אויסטראַליען, סומאַטראַ, באָרנעאָ און

און נײַ־זעלאנד ; אין דער אַלטער וועלט : אין טראַנסוואַאַל, אינאַנדראַ, מצרים ; אַם ענדע–אין חינאַ; אין דער לעצטער צײַט–אין יאַפּאַן; און אַפילו אויפ׳ן טראָפּישען אינזעל צײַלאָן זענען בלי ספק פאַראַן גרוי־פען יודישע עמיגראַנטען.

ווען ס׳וואָלט מעגליך געווען צו וואַרפען אַ בליק פון דער הויך אויף די ערד, וואָלט זיך אונז פאָרגעשטעלט פאָלגענדעס בילד: גאַנ־צע שיפען, גאַנצע באַהן־צוגען, איבערפולטע מיט יודישע עמיגראַנ־טען, צעפיהרען זיי אויף צפון, מזרח, דרום און מערב. גאַנצע רייהען פוס־געהער וואַנדערן איבער, ווי דאָס איז געווען אינ׳ם יאָהר 1900 מיט די עמיגראַנטען פון רומעניען.

דאָס בילד וואָלט געווען גרויזאַם, נאָר אין דער זעלבער צײַט אויך גרויסאַרטיג; גרויזאַם און טראַגיש וואָלט עס געווען, ווען איהר זאָלט זיך פערטראַכטען איבער די סבות, וועלכע נויטען דאָס פאָלק צו צושפּרייטען זיך און אַרומיאָגען זיך איבער די גאַנצע וועלט.

מיר קענען נאָך אַ פאָלק, וועמעס זיהן וואַנדערן און יאָגען זיך אַרום איבער דער וועלט–דאָס זענען די זיהן פון דעם שטאָלצען אַלביאָן (ענגלאַנד). נאָר וואָס פאַר אַ חלוק, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער תהום ס׳איז צווישען די סבות, וועלכע רופען אַרויס דאָס וואַנדערן בײַ אונז און בײַ זיי! דער ענגלענדער יאָגט זיך אַרום איבער די וועלט מחמת צו־פיעל כחות, מחמת צו־פיעל עשירות, ער זוכט נײַע לענדער, כדי דאָרט אויך צו ווערען דער בעל־הבית, כדי אַרײַנצוטרעטען אַהין מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ. דער יוד אָבער איז געצוואונ־גען איבערצוואַנדערן גאַנץ ווײַט ניט מחמת צופיעל כחות און עשירות ס׳יאָגען איהם די לײַדען און פּײַן אין די לענדער פון זײַן פריהערדי־גען וואוין־אָרט, וואו זײַן לעבען איז געוואָרען אונערטרעגליך. או מחמת דעם איז דאָס אָנקומען פון דעם ענגלענדערישען עמיגראַנט און פונ׳ם יודישען אין אַ נײַ לאַנד אַזוי פערשידען. דער ענגלענדער, אַז ער קומט אין אַ נײַ לאַנד סטאַרעט ער זיך מיט אַלע כחות, אַז מ׳זאָל איהם בעמערקען–אַז מ׳זאָל וויסען, אַז־דאָ וואוינט אַנ׳ענגלענדער אַז דאָ ווערען געבוירען נײַע פאָרמען פון לעבען, פון ענגלישען לעבען, ער סטאַרעט זיך אײַנצופלאַנצען אין דער אַרומיגער סביבה זײַן קולטור, זײַן וועלט־אַנשויאונג. דער היפך פונ׳ם ענגלענדער איז דער יוד. אַז ער קומט אָן אין אַ נײַ לאַנד, סטאַרעט ער זיך מיט אַלע כחות, מ׳זאָל איהם ניט בעמערקען, אַז מ׳זאָל איהם ניט זעהן; און

דער עיקר-שטרעבונג זיינע איז צו-צו-פאסען זיך וואס ניכער צו די נייע תנאים, צו די נייע פארמען, צום נייעם לעבען. און ניט אומזיסט געפינען מיר אין דער תורה, אז ווען יעקב'ס קינדער, די ערשטע יודישע עמיגראנטען, זיינען געגאנגען קויפען תבואה אין מצרים, האט זיי דער פאטער אנגעזאגט, אז זיי זאלען ניט אריינגעהן אלע דורך איין טויער, נאר דורך פערשיעדענע, ווי די גמרא זאגט: „מפני עינא בישא", כדי א שלעכט אויג זאל זיי ניט בעמערקען. אט דאס ניט-דרימעלדיגע אויג איז אריבער אין אלע דורות אין אלע לענדער און האלט נאך אין איין נאכקוקען נאך יעדען נייאנגעקומענעם יודען און בעמערקט איהם אויף א גאנץ ווייטען מהלך. נאר ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, ענטהאלט אט דאס עמיגראציאנס-בילד אויך עפ'ס גראנדיעזעם. און אין דער אפשפיגלונג פון אט דעם בילד זעהען מיר יענע קאלאסאלע כחות, וועלכע געפינען זיך אינ'ם אייבינען יודישען וואנדערער, וועלכע שאפען איהם די מעגליכקייט זיך ניט צו פערלירען אין זיין וואנדערן איבער דער וועלט, און נאך אלעם דעם, וואס ער לעבט איבער, צו זוכען נייע ערטער, נייע לענדער און אויפלעבען און אויפהויבען דעם קאפ.

ניט ווילענדיג דערמאהן איך מיך אין דעם פסיכאלאגישען עפיזאד פון דעם בעסטען יודישען שרייבער, מענדעלי מוכר ספרים, „שם ויפת בעגלה". אין דעם עפיזאד מאלט אונז דער מחבר א יודען און א פאליאק, וועלכע זענען אין איין צייט ארויסגעטריבען געווארען דורך די פרייסישע רעגירונג פון איין און דערזעלבער פראווינץ פאזען.

מיט א וואונדערבארער שנעלקייט בייט זיך דאס בילד, ווען אט די לייט דארפען זיך לאזען אין ווייטען וועג, אין דער פרעמד. פריהער האט זיך דעם פאליאק געלעבט גוט; דער יוד אבער, ווי שטענדיג, איז געווען שוואך און ערנידערט. ווי אומגליקליך אבער דער פאליאק איז איצט, ווי ער האט זיך עס אביסעל פערלארען, ווי ער געפינט דאס ניט די נייע לעבענס-פארמען, און ווי גיך דער יוד האט דאס געפינען אנ'אויסוועג, ווי גיך ער האט זיך עס דערזואוסט, וואס ער האט צו טהון! און נאר א דאנק דעם יודען איז דער פוילישער עמיגראנט ניט אומגעקומען.

ווען מ'זאל זיך אויפמערקזאם צוקוקען צו דעם גאנג פונ'ם עמיגראציאנס שטראם, װארפט זיך אין די אויגען פאלגענדע ערשיינונג:

הער הויפּט-שטראָם פון דער עמיגראַציע הויבּט זיך אָן אין׳ם נערדליכטעניש פון׳ם יודישען תחום אין צפון-מערב און אין דרום-מערב קאַנט. אַט דער שטראָם געהט דורך די שטרענגע מיט איהרע געזעצען פּרייסישע גרעניץ, נאָך האַמבורג און ראָטערדאַם, נאָכדעם שנייט ער דורך דעם אָקעאַן און ענדיגט זיך ביים פּרײַהײַטס-דענקמאַל אין נעוו-יאָרק. פון אַט דעם גרונד-שטראָם צווייגען זיך אין אַלע זייטען טייכען און טייכלעך פון פערשיעדענער גרויס. אַפילו איינצעלנע טראָפּענס פערשפּריצען זיך אומעדום, אין אַלע זייטען. ווען איהר קוקט-זיך-צו צו אַט דעם גאַנצען שטראָם, צו די אַלע טייכלעך און ריכטונגען, בּעמערקט איהר בּאַלד איין בּעזונדערען שטראָם, זעהר אַ קליינעם, אַ קליין טייכעל, וועלכעס איז פערשיעדען פון די איבּעריגע מיט זיינע שפּיעל-פאַרבּען און מיט׳ן אינערליכען בּוי פון זיינע בּעזונדערע טיילען. אַט דאָס טייכעל הויבּט זיך אויך אָן אין דעם נערדליכטעניש פון יודישען תחום, געהט דורכ׳ן בּרויזענדען שוואַרצען ים, דורכ׳ן ים התיכון און ענדיגט זיך בּיים אומעטיגען, פּוסטען מזרח-בּרעג. און ווען מיר הויבּען אָן צו בּעטראַכטען אַט העם קליינעם עמיגראַציאָנס-שטראָם און מיר קוקען זיך אגב צו צו דער ליטעראַטור פון דערזעלבּער צייט, פערוואונדערט אונז פאָלגענדע ערשיינונג. אין דער צייט ווען אויף די צעהנדליגער און הונדערטער טויזענד עמיגראַנטען אין אַמעריקאַ און אין אַנדערע לענדער האָט די יודישע ליטעראַטור אָנגעווענדעט לפי-ערך ווענינ אויפמערקזאַמקייט, אין דערזעלבּער צייט האָט זי אָבּער מיט דער פראַגע איבּער אַט דאָס קליינע טייכעל ניט אויפגעהערט צו פערנעהמען זיך. איבּער די עמיגראַציע נאָך ארץ-ישראל געפינט איהר אַ גרויסע ליטעראַטור אין׳ם גאַנצען משך פון די לעצטע 25 יאָהר אויף העבּרעאיש, זשאַרגאָן, רוסיש דייטש, פראַנצעזיש, ענגליש. ניט ווילענדיג פערוואונדערט אייך די די דאָזיגע ערשיינונג, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט פאָרקומען? די ליטעראַטור איז דאָך דער שפּיגעל פון לעבּען, פונדעסטוועגען איז אויף אַזאַ גרויסע ערשיינונג, אויף אַזאַ גרויסע עמיגראַציאָנס-פּראָבּלעם וועגדט זי אָן אַזוי ווענינ אויפמערקזאַמקייט, און אַזאַ קליינע שטרעמונג, וואָס ווייזט אויס אַ גאָר ניט, רופט אַרויס אַזאַ גרויסען אינטערעס. אין פערטראַכטענדיג זיך איבּער דער דאָזיגער פראַגע, מוזט איהר ניט-ווילענדיג משער זיין, אַז אין דעם קליינעם עמיגראַ-

ציאנס-שטראם איז פארהאן עפים אזעלכס, וואס איז לחלוטין ניט
עהנליך און איז טיעף פערשיעדען פון די אלע איבעריגע עמיגרא-
ציאנס-שטראמען. און ס'דערמאהנט זיך נאך אזא פאקט אין אונ=
זער היסטארישען לעבען. ס'איז געוועזן נאר איין מאמענט, ווען
דאס יודישע פאלק האט זיך צושפרייט און צוזייהט, און די דע-
מאלטיגע ליטעראטור איז זיך אויך בעגאנגען פונקט, ווי די איצ=
טיגע: ניט אנוועגדענדיג כמעט קיין שום אויפמערקזאמקייט אויף
די עמיגראציע פון די גרויסע מאסען, האט זי איהר גאנצע אויפ-
מערקזאמקייט אנגעווענדעט אויף א קליינעם טייל פון דער דעמאל-
טיגער עמיגראציע. איך מיין די עמיגראציע, וואס די יודען האב-
בען איבערגעלעבט נאכדעם ווי ס'זענען חרוב געווארען די צוויי
יודישע מלכות: יהודה וישראל. ווי איהר ווייסט, האט זיך דאס
פאלק דעמאלט געטיילט אויף 12 שבטים. און אז איהר הויבט-אן
צו זוכען אין דער יודישער ליטעראטור די שפארען פון דער דע-
מאלטיגער עמיגראציאנס-בעוועגונג, זעהט איהר, אז די עשרת
השבטים, דער גאנג פון זייער עמיגראציע און זייער פערשפרייט
ווערען האבען קיין שום שפורען ניט איבערגעלאזט אין דער ליטע-
ראטור, און אויף דעם קליינעם שטראם, וואס האט זיך אומגע=
קעהרט פון בבל נאך ארץ-ישראל, בסך הכל 42 טויזענד נפשות
איז אנגעווענדעט געווארען א גרויסע אויפמערקזאמקייט, און ס'איז
כמעט פערשריעבען די נעמען פון'ם גרעסטען טייל עמיגראנטען.
צוקוקענדיג זיך צו דער יודישער געגענווארט, קאן מען, דאכט זיך
מיר, געפינען א תשובה אויף דער געשטעלטער פראגע. די ליטעראטור
איז ניט קיין שפיגעל נאר פון איצטיגען לעבען, זי איז א וויכטיגער
אונטערהאלטונגס-פונקט אויך פאר די קומענדיגע דורות. און דע=
ריבער ווענדט זי שטענדיג אן איהר אויפמערקזאמקייט נאר אויף
יענע ערשיינונגען פון לעבען, וועלכע האבען א צוקונפט, וועלכע
פעראייניגען דעם עבר מיט'ן עתיד און בלייבען ניט א פראגע נאר
פון איצט. און דעריבער איז זעהר פערשטענדליך, פאר וואס די
יודישע ליטעראטור האט דעמאלט אנגעווענדט איהר גאנצע אויפ=
מערקזאמקייט נאר אויף יענעם קליינעם שטראם, וועלכער האט גע-
האט א היסטארישע צוקונפט, אויף יענעם עמיגראציאנס-שטראם,
וועלכען ס'האט זיך איינגעגעבען צו פעראייניגען דוד המלך מיט
יהודה המכבי און שמואל הנביא מיט הלל הנשיא. יענעם טייל

אָבער, וועלכער האָט קיין צוקונפט ניט געהאַט, וועלכער איז אַוועק צווישען אַנדערע פעלקער און איז דאָרט פערבליבען, האָט די יודישע היסטאָרישע ליטעראַטור אין אַכט ניט גענומען. מחמת דעם זעלבען טעם האָט אויך די איצטיגע יודישע ליטעראַטור, פונקט ווי דורך אַ רוח־נבואה, מחמת דעם אינערליכען געפיהל פון אמת, אונטערשטרייכט, אַז מיר דאַרפען קאָנצענטרירען אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט נאָר אויף אָט דער עמיגראַציאָנס־בעוועגונג, וועלכע האָט דעם צוועק צו פעראייניגען דעם עבר פון דער יודישער היסטאָריע מיט איהר עתיד. אָבער יענע גרויסע עמיגראַציאָנס־בעוועגונג, ווי גרויס זי זאָל ניט זיין, האָט זי ניט און זי וועט ניט האָבען קיין ווערטה פאַר דער צוקונפט, און דעריבער האָט זיך די ליטעראַטור אַזוי ווייניג אינטערעסירט מיט דער דאָזיגער בעוועגונג.

און ווירקליך, ווען מ'פערגלייכט דעם גאַנצען איצטיגען עמיגראַציאָנס־שטראָם מיט דעם קליינעם ארץ־ישראל'דיגען שטראָם, בעמערקט מען פאָלגענדען האַראַקטעריסטישען חלוק: ווער ס'האָט אַמאָל געלייענט די יודישע היסטאָריע אויף העברעאיש, האָט געוויס בעמערקט, אַז די צוויי טערמינען „ויצא" און „וילך" ווערען זעהר אָפט געברויכט, ווייל די איבערוואַנדערונג האָט געשפּיעלט די הויפּט־ראָליע ביים יודישען פאָלק אין'ם משך פון עטליכע טויזענד יאָהר. און ווען מ' בעטראַכט אָט די צוויי טערמינען, וועלכע האָבען איינ־ניי און די זעלבע בעדייטונג — בכלל אויסוואַנדערן, — זעהט מען, אַז דער חלוק צווישען די דאָזיגע צוויי טערמינען איז דאָס, וואָס יעדער פון זיי ווייזט אָן אויפ'ן צוועק פון דער אויסוואַנדערונג. דער צוועק פון אַ וועלכער ס'איז אויסוואַנדערונג קאָן זיין אַ צווייפאַכיגער: איין צוועק קאָן זיין — אַוועקגעהן פון דאָרט, וואו איך געפין זיך איצט, אַלץ איינס וואוהין איך זאָל ניט געהן. פאַר אַזאַ מין אַוועקגעהן ווערט געברויכט דער טערמין „ויצא". נאָך אַ צוועק פון דער אויסוואַנדערונג קאָן זיין: געהען אַהין, זיין דאָרט, און ניט ערגעץ אַנדערש; פאַר אַזאַ אויסוואַנדערונג ווערט געברויכט דער טערמין „וילך".

און וועלענדיג אַנווענדען אָט די צוויי טערמינען צו דער איצטיגער עמיגראַציאָנס בעוועגונג, קאָנען מיר גלייך זאָגען, אַז פאַר די אַלע עמיגראַציאָנס־שטראָמען, חוץ ארץ־ישראל'דיגען, מוז מען ברויכען דעם טערמין „ויצא". דער צוועק איז איינער: אַוועקגעהן פון

דאָרט, וואו דאָס לעבען איז געוואָרען ניט קיין לעבען, נאָר אַ גהינום. אוועק קיין ארגענטיניען אָדער קיין יאפאן, — אַלץ איינס, אַבי אַוועק פון דאַנען. אַזוי איז מיט דער גאַנצער איצטיגער יודישער עמיגראַציע. בנוגע אָבער צום עמיגראַציאָנס-שטראָם, וואָס נעהט נאָך ארץ-ישראל, מוז מען פאַר איהם געברויכען דעם טערמין „וילך“. ס'הייסט זיין דאָרט, וואו ס'ווערט געבוירען אַ ניי לעבען, וועלכעס וועט פעראייניגען דעם עבר מיט'ן עתיר. ס'איז דעריבער זעהר פערשטענדליך, וואָס סיי דער אויסערליכער און סיי דער אינערליכער חאַראַקטער פון אַזאַ איבערוואַנדערונג איז לחלוטין אַנ'אַנדערער, פאַר די טולט'סטע טיפען פון סתם-עמיגראַנטען קאָנען דיענען די עמיגראַנטען פונ'ם יאָהר 1882, וועלכע האָבען זיך צונויפגעקליבען אין זעהר אַ גרויסער צאָהל אין בראָדי. פאַר אַ טיפ פון די עמיגראַנטען נאָך ארץ-ישראל קאָנען דיענען די ערשטע בילו'ים פון די אַכציגער יאָהרען און די איצטיגע ניי-בילו'ים *). די ערשטע שטעלען מיט זיך פאָר אַנ'אַנטלויפענדע מאַסע; די צווייטע — פּיאָנערטום. און ס'איז אויך פערשטענדליך, אַז אין אַנטלויפען נעהמט אַנ'אָנטייל די מאַסע, דער המון; אין פּיאָנערטום אָבער נעהמען אַנ'אָנטייל איינצעלנע גרופען און איינצעלנע מענשען.

אַלזאָ, זענענדיג דער מיינונג, אַז אָט די קליינע פּיאָנערישע עמיגראַציאָנס-בעוועגונג קיין ארץ-ישראל האָט אַ קאָלאָסאַלען היסטאָרישען ווערטה, האָט איך ברעה צו בעקאַנט מאַכען אייך מיט די רעזולטאַטען פון דער דאָזיגער בעוועגונג פאַר די לעצטע 25 יאָהר.

ווען איך זאָל אייך אָבער פאָרשטעלען נאָר די ציפער-רעזולטאַטען, ניט בעלייכטענדיג אָט די ציפערן, וואָלט איהר נאַטירליך, קיין שום פאָרשטעלונג ניט געהאַט איבער די בעקומענע רעזולטאַטען. ציפערן אַליין האָבען ניט קיין ווערטה; מספרים דאַרף מען קאָנען לייענען, ציפערן דאַרף מען קאָנען פערשטעהן. דעריבער האַלט איך פאַר נויטיג אַפריהער קלאָר צו מאַכען מיט וואָס פאַר אַ מיטעל מיר וועלען צוגעהן צו די דאָזיגע ציפערן, ווי אַזוי מיר וועלען זיי בעטראַכטען, כדי צו בעקומען איבער זיי אַ פאָרשטעלונג,

---

*) דאס ווארט „בילו“ים איז צוזאמענגעשטעלט פון די ראשי-תבות פונ'ם פסוק: „בית יעקב לכו ונלכה“, אזוי האבען זיך אנגערופען א גרופע יונגע לייט, וועלכע זענען אוועק אינ'ם יאהר 1882 קיין ארץ-ישראל.

זועלכע זאל זיך פאסטען צו זייער אמת'ן ווערטה. ס'זענען פאראן צוויערליי פארמען, ווי אזוי צו בעטראכטען מספרים און ציפערן. דאס ווענדט זיך אן דעם, וואס מיר ווילען זיך דערוויסען. איין פארם איז גוט אין דעם פאל, ווען מיר ווילען וויסען, אויף וויפיעל די בעטרעפענדע ציפערן זענען גוט אדער שלעכט, גרויס אדער קליין, צוליעב דעם דארפען מיר וויסען די צונויפשטעלענדע כחות, די מספרים, פון וועלכע ס'איז צוזאמענגעשטעלט דער כך-הכל. די רעזולטאטען, אויפ'ן סמך פון אזא אויספארשונג קאן מען זאגען, צי די רעזולטאטען זענען זעהר גרויס, זעהר קליין אדער גאר ניט. א מיליאן אליין האט קיין שום ווערטה ניט; ער ווערט אבגעשאצט דורכ'ן סכום כחות, וועלכע זענען פערוועגדעט געווארען אויף צו בעקומען איהם. דאס איז איין מיטעל אויף צו בעקומען איהם. דאס איז איין מיטעל אויף צו בעטראכטען דעם ווערטה פון ציפערן. דאס צווייטע מיטעל איז א פערקעהרטס: ווען איך פרעג פאראויס: וואס דארף איך בעקומען אין סך-הכל, אין ענדליכען רעזולטאט, דעמאלט גלייך איך צו דאס, וואס איך האב בעקומען מיט דעם, וואס איך דארף בעקומען, און דעמאלט קאן איך זאגען, צי דאס איז פיעל, ווענינ, אדער גארניט. דערזעלבער מיליאן, אויב ער דארף דיענען פאר'ן וואוילשטאנד פון איין פערזאן, איז דאס א קאלאסאלע ציפער, אויב דער מיליאן דארף אבער דיענען פאר מלוכה צוועקען — איז ער א נאר-ניט. און דערויבער אויך אין דעם פאל דארפען מיר וויסען, צו וואס ווילען מיר זיך דערשלאגען אין ארץ-ישראל, כדי מיר זאלען קאנען זאגען, צי דער רעזולטאט איז א נול אדער א גרויסער מספר. בנוגע צו די רעזולטאטען פון דער ארבייט אין ארץ ישראל זענען אונז וויכטיג ביידע פארמען פון בעטראכטען די ציפערן. מיר דארפען וויסען די צונויפשטעלענדע כחות און די רעזולטאטען. נאר חוץ דעם דארפען מיר אויך וויסען צו וואס מיר ווילען זיך דערשלאגען אינ'ם לעצטען רעזולטאט. פון אט דעם שטאנדפונקט אויס וועל איך טאקי בעטראכטען די רעזולטאטען, וועלכע איך וועל אייך דא פארשטעלען. אלזא, וועלכע כחות, וועלכע עלעמענטען האבען אנ'אנטייל גענומען אין דער בעשאפונג פון די רעזולטאטען, וועלכע מיר האבען אין ארץ-ישראל? אין דער בעשאפונג פון דער ארץ-ישראל'ער קאלאניזאציע האבען אנטייל גענומען 4 געוועהנליכע פאר יעדער קאלאניזאציע עלעמענטען:

1) דאס לאנד — דער ארט פון דער קאלאניזאציע, 2) דאס פאלק — דער אביעקט פון דער קאלאניזאציע, 3) דאס קאפיטאל — דאס מיטעל פון דער קאלאניזאציע און 4) א גאנצער כבוס פון אויסערליכע אומשטענדען — די תנאים פון דער קאלאניזאציע. לאמיר אט די ארע עלעמענטען בעטראכטען בעזונדער.

דאס לאנד. מיט 52 יאהר צוריק איז ארץ-ישראל געוועזען א פערוואָרפענע ווילדע פראווינץ פון דער אזיאטישער טערקיי. דאס לאנד, וואס לויט דער תורה איז עס געוועזען אנ'ארץ זבת חלב ודבש, האט אין דער ווירקליכקייט לגמרי ניט פארגעשטעלט אזא בילד. די ערד פון ארץ-ישראל איז, לויט דער מיינונג פון אמת'ע פאך-לייט, געוועזען און איז נאך עד היום זעהר א רייכער באדען פאר פערשיעדענע קולטורען; נאר אט דער באדען איז געוועזען שרעקליך פערלאזט: א גאנצע רייה פון אנגעטראגענע שטיינער האט בעדעקט א גרויסען טייל פון ארץ-ישראל. מחמת דעם, וואס ס'איז כמעט קיין וועלדער ניט געוועזען האט געבראכט דערצו, וואס די רעגען וואסערן האבען זיך ניט געקאנט אויפהאלטען, זענען גיך אויסגעפריקענט געווארען ארער זיי האבען בעשאפען זומפען, וועלכע האבען געמעהרט שרעקליכע מיאזמען. די ערד, וועלכע האט זיך געפונען אויף פערשידענע טיראסען פון אלטערטום, איז אבגעשווענקט געווארען דורך די געשווינדע שטראמען, און אלע פעלזען זענען געבליבען הויל. יענע רייכע פלאנצונגען, וועגען וועלכע סידער מאהנען די אורטאלטע, זענען פאלשטענדיג פערלאזט געווארען און האבען ניט פארגעשטעלט מיט זיך יענץ עשירות, וועגען וועלכעס מיר האבען אמאל געלייענט.

די אורטאלטע בריגען זענען חרוב און פערמיסטינט געווארען, קיין נייע זענען ניט געוועזען און אומעדום האט זיך געלאזט פיהלען, אז ס'איז קיין וואסער ניטא. — און מחמת דעם, וואס ס'זענען קיין וועלדער ניט געוועזען, איז פערשאפט געווארען א רחבות פאר די זונען-שטראהלען און דאס האט געבראכט דערצו, וואס די ערד איז שרעקליך אנגעברענט געווארען. ניט אומזיסט האט דער דייטשער קיסר ווילהעלם, זענענדיג אינ'ם יאהר 1898 אין ארץ-ישראל, געזאגט, אז דאס לאנד איז רייך, נאר אין איהם איז ווענינ וואסער און שאטען.

דאס קלימאט אין ארץ-ישראל איז א געזונדעס, נאר מחמת

ס'איז קיין קולטור ניט געוועזען, מחמת די זומפען, איז דאָרט אין זעהר פיעל ערטער געוועזען אמת'ע מיאַזמען-נעסטען פון פראָסטען און אַזוי-גערופענעם — געלען קרחת. דאס, וואס אין די זאַמדיגע און שטיינערנע מדבריות זענען קיין פלאַנצונגען ניטאָ, האָט עס פערשאַפט א רחבות די ווינדען, וועלכע צוטראָגען אַ דינעם שטויב. אַט דער שטויב צוזאַמען מיט די בּרענענדיגע זונען-שטראַהלען העלפען מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם שלאַק פון לאַנד — דער טראַכאָמאַ, אַנ'אויגען-קראַנקהייט, וועלכע איז פערטראָגען געוואָרען אַהער פונ'ם שכנ'ישען מצרים, און מחמת דעם, וואָס בּיים ברעג ים זענען קיין בּוימער ניטאָ, שאַפט עס די מעגליכקייט פאַר די זאַמדיגע ערטער, וואס בּיים ים, צו פערנעהמען אַלץ מעהר און מעהר פרוכט-בּאַרעס לאַנד.

אונטערפיהרענדיג דעם סך-הכל פון אַלעם דעם, וואס אויבּען איז געזאָגט, קאָנען מיר זאָגען, אַז ארץ-ישראל האָט געהאַט בּע-האַלטען אין זיך זעהר פיעל גוטעס: אַ רייכען באָדען און אַ גע-זונד קלימאַט. נאר מחמת דער צוויי-טויזענד-יעהריגער פערלאָזענהייט מחמת דעם, וואס ס'איז קיין קולטור ניט געוועזען — איז עס אַלעס צו נישט געוואָרען. כּדי אויפ'ס ניי אויפצודעקען די דאָזיגע עשירות, האָט מען געמוזט נוכר זיין די רעזולטאַטען פון דער היסטאָרישער פיעל-הונדערט-יעהריגער פערלאָזענהייט.

2) דאָס פאָלק. וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאס פאָלק, דער אָבּיעקט פון דער קאָלאָניזאַציע? דאס פאָלק איז אייך, וואַהרשיינליך, מעהר בּעקאַנט, איידער דאס לאַנד. דאָס זענען מיר גופא, דאָס יודישע פאָלק. שוין אַ משך פון 1900 יאָהר אָפּגעריסען פון דער נאַטור, האָט דער דאָזיגער איינּינער שטאָדט-מאַן געדאַרפט ווערען אַ קאָלאָניזאַטאָר פון אַ ניי פערלאָזטען לאַנד. און דער פועל-יוצא דערפון איז געווען — ס'האָבּען אונז געפעהלט די נויטיגע עלע-מענטען פאַר דער קאָלאָניזאַציע. פאַר אַ געזונדער, אַ דאַרפישער קאָלאָניזאַציע איז קודם כּל נויטיג אַ שטאַרקער פהיזיש-ענטוויקעלטער מענש, און צווישען יודען קאָן מען אַזאַ מענשען אפילו מיט קיין ליכט ניט אויפזוכען. ווייטער איז וויכטיג אַ בּעשטימטע ערפאַהרונג, בּעשטימטע קענטנישען פונ'ם פויערשען לעבּען, בּפרט ווען ס'האַנ-דעלט זיך מכּח אַניי לאַנד. אָט דאס אַלעס האָט ניט געקאָנט זיין בּיי די יודישע קאָלאָניסטען און ס'איז טאַקי ניט געווען.

ביים ערד-ארבייטער איז פאראן זיין אייגענע בעשטימטע פסיכאלאגיע, וועלכע האט קיין שום שייכות ניט מיט דער פסיכאלאגיע פון דעם יודען — דעם שטאדט-מאן. דער ערד-ארבייטער דארף ניט נאר וויסען אסך, נאר, וואס ס'איז נאך וויכטיגער, ער דארף קאנען אונאויפהערליך ארבייטען. דער יוד קאן עס ניט; ער קאן פיעל ארבייטען, אבער ניט אונאויפהערליך. אפארבייטענדיג אביסעל זוכט ער שוין באלדיגע רעזולטאטען און ניט דערווארטענדיג זיך אויף זיי, נעהמט ער זיך פאר אנ'אנדער זאך און לעגט אהין אריין נייע ארבייט. דער ערד-ארבייטער טאר אבער קיינמאל ניט ערווארטען באלדיגע רעזולטאטען פון זיין ארבייט; ער לעגט אריין אין דר'ערד זיין ארבייט און די רעזולטאטען קאן ער בעקומען ניט באלד, אמאל אין עטליכע יאהר ארום, בפרט ביי גערטנעריי אדער ביי פלאנטאציעס. דער היפך דערפון אבער איז די פסיכאלאגיע פון יודען; ער וויל זעהן די רעזולטאטען פון זיין ארבייט באלד, אויפ'ן ארט, און ס'איז זעהר פערשטענדליך פאר וואס: ער איז ניט זיכער אז אט די רעזולטאטען וועלען מארגען ניט אנקומען אנדערע, אז מ'וועט זיי ביי איהם ניט צונעהמען. און די דאזיגע פסיכאלאגיע פון יודען, זאג איך, האט לחלוטין ניט הארמאנירט מיט דער פסיכאלאגיע פון א קאלאניזאטאר פון א ניי לאנד. נאר אינ'ם יודען איז פאראן עפיס אזא פאזיטיוועס, וועלכעס איך מוז אויך אנמערקען. אט דאס פאזיטיווע בעשטעהט דערין, וואס דער יוד איז מעהר אינטעליגענט און דאס איז בלי ספק זעהר א גרויסע מעלה אויך ביי ערד-ארבייט, וועלכע פאדערט נאכ'ן ערשטען בליק נאר פהיזישע כחות. ס'איז שוין לאנג פאראיבער די צייט, וואס מ'האט געמיינט, אז א גוטער פויער איז נאר דער, וואס איז אונוויסענד. פערקעהרט: וואס מעהר קולטורעל ער איז, אלץ מעהר פראדוקטיוו זענען די רעזולטאטען פון זיין ארבייט (פערגלייכט אין רוסלאנד דעם דייטשען מיט'ן רוסישען פויער), בפרט נאך אין ארץ-ישראל, וואו עד היום פאדערט נאך דאס לאנד ספעציעלע קענטנישען, און וואו ס'ווערט געפיהרט אנ'אינטענסיווע קולטור.

ווייטער, נאך א גרעסערע מעלה האט דער יוד — אייך וועט זיך עס אפשר אויסווייזען אלס פאראדאקס, נאר ער האט עס אבער פארט: דער יוד איז א כלל-מענש, דער יוד פערשטעהט זעהר גוט די וויכטיגקייט פון קאלעקטיווער, געזעלשאפטליכער ארבייט, אין

דער צייט, ווען בײם נים-יודען איז פיעל גרעסער די שטרעבונג צו אינדיווידועלע פארמען פון ארבײט. און אין אנפאנג פון דער קאָלאָניזאַציע איז די קאָלעקטיווע, געזעלשאַפטליכע ארבײט, בלי ספק זעהר וויכטיג.

אם ענדע, די גרעסטע מעלה, וועלכע די ערשטע עמיגראַנטען קײן ארץ-ישראל האבען געהאַט, איז — זײער רײן-גײסטיגע שטימונג וועלכע האָט אויסגעאַרבײט בײ זײ אַ שטאַרקען רצון צו בעשאַפען אַ יודיש לעבען, צו בעשאַפען גיט היינטיגען, נאר מאָרגענדיגען טאָג. און דאָס איז טאַקי ווירקליך געווען דער צעמענט, וועלכער האָט בעהעפט אַלע קאָלאָניזאַציאָנס-עלעמענטען און האָט זײ געשאַפט כחות צו קעמפפען מיט אַלע מכשולים.

3) קאַפּיטאַל. דאָס דריטע עלעמענט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז דער קאַפּיטאַל. אין דעם פּרט מוזען מיר זיך אָבשטעלען אויף עטליכע מינים קאַפּיטאַלען, וועלכע האָבען אַנ׳אַנטײל גענומען אין ארץ-ישראל׳ער קאָלאָניזאַציע.

פּערזענליכער קאַפּיטאַל, ס׳הײסט אַלע יענע סומען, וועלכע די עמיגראַנטען האָבען מיט זיך גענומען, אַלס זײער אײגענטום.

געזעלשאַפטליכער קאַפּיטאַל, ס׳הײסט דער קאַפּיטאַל, וועלכער האָט געהערט צו פערשידענע חברות, וועלכע האָבען אַנ׳אַנטײל גענומען אין דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ-ישראל. אָט דאָס זענען פאָלגענדע אינסטיטוטען, לויט׳ן סדר, ווי זײ האָבען אָנגעהויבען אַרבײטען: פערשידענע פאָרמען „חלוקה“, פּאַריזער „אליאנס“, אָדעסער פּאַלעסטינער קאָמיטעט, בערלינער חברה „עזרה“, לאָנדאָנער „אגודת אחים“, „יקא“, „הילפס-פערײן דער דײטשער יודען“, „אַנגלאָ-פּאַלעסטינאַ-קאָמפּאַני“, די חברה „גאולה“, דער נאַציאָנאַל-פאָנד און עטליכע קלענערע אינסטיטוטען.

דער קאַפּיטאַל פונ׳ם בעוואוסטען יודישען נדיב עדמונד ראָטשילד, וועלכער האָט אַרײנגעלעגט גרויסע סומען אין די יודישע קאָלאָניעס.

בעטראַכטענדיג די דאָזיגע קאַפּיטאַלען לויט זײער גרויס, קאָנען מיר אָנווײזען פאָלגענדעס: בנוגע צום דורכשניטליכען פּערזענליכען קאַפּיטאַל פונ׳ם יודישען עמיגראַנט, וואָס פאָהרט קײן אמעריקאַ, און נאָך אַנדערע לענדער, וועט איהר זעהן, אַז דער יודישער קאַפּיטאַל, וואָס איז אַרײנגעפיהרט געוואָרען קײן ארץ-ישראל איז נים אַנ׳ערך גרעסער.

בנוגע צום געזעלשאפטליכען קאפיטאל, איז, הגם אליין פאר זיך האט ער געטענט זיין גרויס, נאר אז איהר ווערט איהם פער-גלייכען מיט די קאפיטאלען פון צעהנדלינגער און הונדערטער מי-ליאן, וואס די מלוכות און רייכע חברות גיבען אויס אויף צו גרינדען קאלאניעס אין נייע לענדער, איז דער קאפיטאל, וועלכער איז אויסגעגעבען געווארען אין ארץ-ישראל לפי-ערך ניט גרויס.

ביי קאלאניזאציע האבען די געזעלשאפטליכע און פערזענליכע קאפיטאלען א מעלה און א חסרון. דער פערזענליכער קאפיטאל האט א מעלה, וואס דער מענש, צו וועמען דער קאפיטאל געהערט, פערהאלט זיך צו איהם גאר אנדערש, נויגט זיך ניט אב און א זייט און מעסט אב יעדען טריט זיינעם.

נאר אנדערש איז דאס פערהאלטען זיך צום געזעלשאפט-ליכען קאפיטאל. אט די פערהאלטונג איז שטענדיג א מעהר גרינ-גערע, א מעהר אויבערפלעכליכע און א וועניגער ערנסטע ווי מצד דעם, וואס ניט, אזוי מצד דעם, וואס נעהמט. דער געזעלשאפט-ליכער קאפיטאל ווירער, פער-וויענט, פערשלעפערט גאנץ אפט די איניציאטיוו פונ'ם פריוואטען אונטערנעהמער.

די מטבע אבער האט נאך א צווייטע זייט. אין דער צייט, ווען דער פערזענליכער קאפיטאל האט שטענדיג דעם צוועק דעם נוצען פון יחיד, און דער סך-הכל פון די יחידי'שע נוצען איז ניט שטענדיג צוגעפאסט צום נוצען פון כלל, איז אבער די ריכטונג פונ'ם געזעלשאפטליכען קאפיטאל האט שטענדיג אין זין ניט קיין יחידי'שען נוץ, נאר דעם כללי'שען. פון דער זייט האט דער געזעלשאפטליכער קאפיטאל איינבערינגט א גרויסע מעלה. דער גע-זעלשאפטליכער קאפיטאל האט נאך די מעלה אקעגען פערזענליכען, וואס זיין טהעטיגקייט ווערט קאנט-אלירט און קריטיקירט דורך דער געזעלשאפט.

דער קאפיטאל וועלכען דער באראן ראדטשילד האט אויס-געגעבען אין ארץ-ישראל, איז געשטאנען ווי אויף דער גרעניץ פון פערזענליכען און געזעלשאפטליכען קאפיטאל און האט געהאט די חסרונות פון זיי ביידען. — דער קאלאניסט, וואס האט זיך בענוצט מיט דעם קאפיטאל, האט איהם בעטראכט אלס א געזעלשאפט-ליכען, און דעריבער איז זיין פערהאלטונג צו איהם געווען די גרינגסטע און וועניג-ערהליכע; דער באראן ווידער האט איהם

בעטראכט ווי זיין פערזענליכען קאפּיטאַל, און האט דעריבער געברויכענדיג איהם, ניט גערעכענט זיך מיט דער געזעלשאַפטליכער מיינונג און מיט דער געזעלשאַפטליכער קריטיק.

4) די תנאים. אַם ענדע נעה איך איבער צום לעצטען עלעמענט, וועלכען מיר דאַרפען בעטראַכטען; דאָס זענען יענע תנאים, מיט וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו טרעפען זיך ביי דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ-ישראל. אָט די תנאים קאָנען צוטיילט ווערען אויף תנאים פון אויסערליכען און תנאים פון אינערליכען כאַראַקטער.

קודם כל האט געהאַט און האט אויך איצט זעהר אַ גרויסע בעדייטונג דאָס, וואָס ארץ-ישראל איז נאָהענט צו רוסלאַנד. ארץ-ישראל איז דאס נאָהנסטע אימיגראַציאָנס-לאַנד פון רוסלאַנד, איידער אַוועלכעס ס׳איז אַנדער לאַנד אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס פאָהרען אַהין קאָסט זעהר וואָלוועל; פריהער האט געקאָסט 20 רוב. און איצט, אַדאַנק דעם אָבמאַך פון אָדעסער פּאַלעסטינ׳ער קאָמיטעט מיט דער „Русское Общество“ קאָסט 12 רוב. מיט 50 קאָפּ. פון אַדעס ביז יפו. אזא וואָלוועלע נסיעה פון רוסלאַנד איז ניטאָ אין קיין איין אימיגראַציאָנס-לאַנד. דאס איז אַ גרויסע מעלה אינ׳ם זין פון ריכטען די עמיגראַציע קיין ארץ-ישראל. נאר אָט די נאָהנטקייט און וואָלוועלקייט האבען אויך זייערע חסרונות. דער עמיגראַנט וואָס וויל פאָה׳רען קיין אַמעריקאַ, אַרגענטיניען, קאַנאַדאַ, בעטראַכט תחלת זעהר לאַנג זיין פּלאַן, און נאָר נאָך אַנ׳ענדליכער החלטה, פאָהרט ער אַוועק אַהין, פערברענענדיג הינטער זיך זיינע שיפען. און קומענדיג אין נייעם לאַנד, איז ווי שלעכט איהם זאָל זיך דאָרט ניט לעבען, האַלט ער די זאַך פאַר פערענדיגט, ווייל אויף צוריק צופאָהרען דאַרף ער ווידער האָבען 90—100 רובל, און פאַר אַ פאַמיליע גאַנצע 2—3 הונדערט רובל. דעריבער איז ער געצוואונגען צו אַרבייטען אָהן אַנ׳אויפהער, צו זוכען, צוצופּאַסען זיך צו די נייע תנאים, ביז וואַנען ער שלאָגט זיך ניט אַרויף אויף אַ וועג. אין דער זעלבער צייט איז דאָס פערהאַלטען זיך פונ׳ם עמיגראַנט צו ארץ ישראל לחלוטין אַנדערש. ס׳איז גענוג, אז ס׳זאָל נאָר אויפ׳ן נעדאַנק קומען מכח פאָהרען - און ער איז שוין גרייט. 12 ר. מיט 50 קאָפּיקעס איז דאָך ניט קיין גרוים געלד, און דער חשבון איז דורכאויס אַזעלכער: „כ׳וועל פאָהרען זעהן, וועט געפעלען — איז גוט, אז ניט, וועל איך קומען צוריק“. ער פאָהרט אַוועק,

דרעהט זיך אום אַ פּאָר וואָכען אין יפו, און, איבּערצײַנענדיג זיך, אַז קײנער בּרײנגט ניט אַנטקעגען, איז ער שוין ניט צופרידען, קריגט 12 רובּל מיט 50 קאָפּיקעס. פּאָהרט אַוועק צוריק און דערצעהלט: „אין ארץ־ישראל איז אונמעגליך אײַנצואָרדנען זיך“. אָט די לײַכטזיניגע פעררהאלטונג מחמת דער וואָלוועלקײט און נאָהנט־קײט איז זעהר אַ גרויסער חסרון פאַר דער קאָלאָניזאַציאָנס־זאַך. דער צווײטער תנאי—אין ארץ־ישראל זענען שוין פאַרהאַן יודישע עלע־מענטען. דאָס איז געוויס אַ גרויסע מעלה פאַר דער קאָלאָניזאַציאָנס־זאַך: דער יוד טרעפט שוין דאָרט זײַן סביבה, די פאָרמען פון געמײנזאַמען לעבען, אָהן וועלכע ער קאָן זיך ניט בּענעהן (שולען, בּתי־מדרשים א. א. וו.). דאָס איז אַ מעלה, נאָר דערין איז אויך פאַרהאַן אַ חסרון. די עלעמענטען, וועלכע לעבען שוין אין ארץ־ישראל, זענען ניט קײן נוצליכע, אַלטע, שוואַכע, וועלכע לעבען אויף קהל׳ס חשבון, און ווי איהר זאָלט זיי ניט אָבּזונדערען, האָט אָבּער די סביבה אַ שטאַרקע השפעה, און ניט ווילענדיג טראָגט זי זיך אַריבּער אויף די נײַ־אָנגעקומענע.

ווײַטער, דאָס, וואָס נאָך ארץ ישראל פאָהרען דאָס רוב מענ־שען מיט פאָדערונגען פון כלל, מיט אינטערעסען און אידעאַלען כּדי אײַנצואָרדנען דאָס יודישע פאָלק, און ניט אויסשליסליך מיט אינטערעסען אויף אײַנצואָרדנען זײַער אײגען פּערזענליכעס לעבען אָט דאָס האָט אויך אַ מעלה מיט אַ חסרון. די מעלה איז, וואָס אַזאַ מענש האָט אין זין דעם אידעאַל דעם נוצען פון כלל; דער חסרון אָבּער איז, וואָס אַזאַ מענש פיהלט ניט ווילענדיג, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט איהם פיעל צו פערדאַנקען.

אין דער צײַט, ווען דער אַמעריקאַנער עמיגראַנט שטאַרבּט פון הונגער אויף נעוו־יאָרקער טראָטואַרען און דער לאָנדאָנער עמיג־ראַנט בּעקומט די שווינדזוכט אין אויסטשעפּעל, אַרבּײַטענדיג 20 שעה אין מעת־לעת אין פערשידענע וואַרשטאַטען פון דער אַזוי אָנגערופענער „שוויץ־סיסטעם“, הערט איהר מכּח דעם נאָר ניט, קײנער אינטערעסירט זיך מיט דעם ניט, און קײנער פון די דאָזיגע עמיגראַנטען טראַכט נאָר גיט צו האָבּען תרעומות אויף דאָס יודישע פאָלק און ער בּעקלאָגט זיך נאָר אויף די אַלגעמײנע אונ־נאָרמאַלע סאָציאַלע אָרדנונג. אין דערזעלבּער צײַט אָבּער איז דער ארץ־ישראל׳ער עמיגראַנט בּײַ דער ערשטער ניט־געלונ—

געגנהײט, און אַמאָל נאָר בײַ אַ ניט-פּאָלשטענדיגער געלונגענהײט, האָט ער שוין תרעומות אויף כלל-ישראל, וועמעס קרבן ער איז כלומרש'ט.

איצט די אויסערליכע תנאים: דער טערקישער רעזשים, די טערקישע רעגירונג. אינ'ם פערהאַלטען זיך מצד דער טערקישער רעגירונג צום יודישען פאָלק און בכלל צו דער יודישער קאָלאָניזאַציע איז אויך פאַראַן אַ גרויסע מעלה און אַ גרויסער חסרון. טערקײ איז דאָס אײנציגע לאַנד אין דער וועלט, איך שטרײַך אונטער די דאָזיגע ווערטער, וואו יודען וואוינען שוין אַ משך פון 500 יאָהר און האָבען זיך נאָך עד היום ניט בעקאַנט מיט די פרוכטען פון דער אײראָפּעאישער ציוויליזאַציע: אינקוויזיציע און פּאָגראָמען. דאָס פערהאַלטען זיך מצד טערקײ צו די יודען איז געוועזען תמיד און עד היום פול טאָלעראַנץ. דער יוד—דער טערקישער אונטערטהאַן—האָט אַלע רעכט ווי אַלע אַנדערע טערקישע אונטערטהאַנען. אין טערקײ בענוצען זיך אַלע אומות בכלל און יודען בפרט דערמיט, מיט וואָס ס'בענוצען זיך ניט די אומות פון די אײראָפּעאישע לענדער און מכח וואָס מ'רעדט אַזוי פיעל—מיט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. אין דער צײט, ווען אין די אײראָפּעאישע לענדער איז פאַראַן פאָלשטענדיגע בירגערליכע און פּאָליטישע פרײהײט, נאָר ס'פעהלט לחלוטין די נאַציאָנאַלע פרײהײט פאַר די קלענערע אומות, וועלכע געפינען זיך צווישען דער הערשענדער נאַציע, איז אין טערקײ פערקעהרט: ס'פעהלט לחלוטין די בירגערליכע פרײהײט [1]) און ס'איז פאַראַן פאָלשטענדיגע נאַציאָנאַלע פרײהײט. די טערקישע רעגירונג האָט זיך קײנמאָל ניט אַרײנגעמישט און מישט זיך ניט אין אײערע קהל'שע ענינים, אין אײער לשון, אין אײערע שולען, אין אײערע אינערליכע נאַציאָנאַל-קולטורעלע ענינים. אָט דאָס איז דער אומשטאַנד מצד דער טערקישער רעגירונג, מצד רעם טערקישען רעזשים, וואָס דער יוד בעגעגענט אין דעם מאָמענט פון זײן קאָלאָניזאַציע. נאָר דאָ זענען אויך פאַראַן אַ סך חסרונות. און אָט די חסרונות בעשטעהען, ווי איך האָב שוין געזאָגט, דערין, וואָס אין טערקײ איז ניטאָ קײן בירגערליכע און פּאָליטישע פרײ-

[1]) פון זינט ס'איז אײנגעפיהרט געוואָרען די קאָנסטיטוציע, אין יולי 1908 הערשט אין טערקײ פאָלשטענדיגע בירגערליכע פרײהײט, פרעסע-פרײהײט, פערזאַמלונגס-פרײהײט וכדומה, פונקט אַזוי ווי אין מערב-אײראָפּאַ.

היים. אין טערקײַ עקזיסטירען נאָנץ פֿיינע געזעצען, נאָר זיי ווערען לחלוטין איגנאָרירט און ס'געוועלטיגט דורכאויס דער „באַקשיש" (שוחד), וועלכער איז בעוואוסט דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. אָהן איהם קאָן מען גאָר ניט אויפטהון. ס'עקזיסטירען אויך אין טערקײַ שוין אַלט-געוואָרענע אַגראַר-געזעצען, וועלכע זענען געגרינ-דעט פון איין זייט אויפ'ן קאָראַן (מחבר'נישע תורה) און פון דער צווייטער זייט אויף נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס. געזעצען, וועלכע מאַכען זעהר שווער צו קויפען ערד. די טערקישע שטייערן לענען זיך מיט זייער גאַנצער משא אויסשליסליך אויף די אָרעמע ערד-אַרבייטער (דער אַזוי-אָנגערופענער „עשור" ס'הייסט 1/8 פון געראַטעניש, אַמאָל נאָך מעהר, איז אַ שרעקליכע משא פאַר'ן ערד-אַרבייטער). די פערהאַלטונג צו דער יודישער קאָלאָניזאַציע איז ניט קיין שלעכטע ספעציעל בנוגע צו יודען, נאָר בכלל בנוגע צו אויסלענ-דער, ווייל דער וואָס ווערט אַ טערקישער אונטערטהאַן אָדער די אָרטינע יודען האָבען לחלוטין אַלע רעכט; און נאָר מחמת דעם, וואָס די טערקישע רעגירונג וויל ניט האָבען בײַ זיך אין לאַנד אַ סך רוסישע און אויסלענדישע אונטערטהאַנען, און דורך דעם דאָס שטענדיגע אַרייַנמישען זיך מצד די קאָנסולען, מיט וועלכע זי לעבט ניט אַזוי פריינדליך,—נויט די רעגירונג צו פערהאַלטען זיך שלעכט צו די אויסלענדער, און מיט אַלע מעגליכקייטען צו שטערען דער פרייער ענטוויקלונג פון דער בעפעלקערונג.

אָט דאָס זענען נאָנץ בקיצור אַלע עלעמענטען, סיי די גוטע סיי די שלעכטע זייטען, וועלכע איך האָב זיך געסטאַרעט פאָרצו-שטעלען פאַר אײַך נאָנץ אָביעקטיוו. וואָס-זשע פאַר אַ רעזולטאַטען האָבען מיר בעקומען?

קודם כל אינטערעסירט אונז די ערד-פראַגע. צי האָבען מיר ערד אין ארץ-ישראל? איך האָב אײַך שוין איין מאָל געזאָגט מכח דעם בעוואוסטען לאָזונג: ‚‚земля и воля" ערד אָהן פרייהייט קאָן מען נאָך האָבען, אָבער פרייהייט אָהן ערד קאָן מען ניט האָבען, —דעריבער איז די ערד-פראַגע די ערשטע פראַגע פון אונזער קיום בכלל און פון דער ארץ-ישראל'ער קאָלאָניזאַציע בפרט.

25 יאָהר צוריק איז אין גאַנץ ארץ-ישראל—אין גאַנץ ארץ-ישראל, זאָג איך,—ניט געווען אין דאָרף קיין איין שפּאַן ערד, וועלכער זאָל געהערען יודען,—און דאָס איז אין לאַנד פון

אונזערע אבות! אמת, אַ טייל ערד פון דער קאָלאָניע פּתח-תקוה איז געקויפט געוואָרען נאָך אין יאָהר 1878, נאר זי איז געווען פערלאָזט און ענטוויקלען זיך האָט זי ערשט אָנגעהויבען מיט 25 יאָהר צוריק. איך רעכען ניט דאָס קליין שטיקעל ערד פון דער שולע מקוה-ישראל: זי האָט דער סולטאַן אָבגעגעבען אין אַ ר ע נ ד ע אויף 91 יאָהר.

אַלזאָ, וואָס האָבען מיר איצט אין ארץ-ישראל? מיר האָבען איצט אין ארץ-ישראל אַנ'ערך ½ מיליאָן דונאַם, בערך 5000 דעסיאַטין ערד, וואָס געהערט פּריוואַטע פּערזאָנען — יודען, דעם באַראָן רויטשילד, דעם נאַציאָנאַל-פאָנד, „יק"א" און דעם פּאַלעסטינער קאָמיטעט. צו וועמען זי זאָל ניט געהערען, נאָר דאָס איז י ו ד י ש ע ערד. דאָס איז אַנ'ערך 3 פּראָצענט פון דער גאַנצער ארץ-ישראל-ער ערד. און דאָס איז אונזער קאַפּיטאַל, דאָס איז אונזער ערוואָרבונג פאַר 25 יאָהר. אַז איהר וועט איצט אָבשאַצען די דאָזיגע ערד לויט'ן איצטיגען ד ו ר כ ש נ י ט ל י כ ע ן מקח, וועט איהר זי מוזען אָבשאַצען אין אַנ'ערך 10—12 מיליאָן פראַנק. אָט דאָס האָט אַ קליינע גרופּע מענשען אויספּייעט א ו י פ צ ו ט ה ו ן אויף דעם ערד פון זייער פאַטערלאַנד. דאָס איז יודישעס אייגענטום. מכח דער דאָזיגער ערד קאָנען מיר זאָגען: „איך שטעה אויף דער ערד, וועלכע געהערט יודען, אויף וועלכער דאָס יודישע פאָלק האָפט צו בויען זיין צוקונפט". [1])

וואָס האָבען מיר אויף דער דאָזיגער ערד? קודם כל האָבען מיר אויף דער ערד אַ גאַנצע רייה פלאַנצונגען, וועלכע גיבען אונז פירות; מיר האָבען פעלדער פון פערשיעדענע מינים תבואות, מיר האָבען אַ גאַנצע רייה גרויסע וויינגערטנער, פערשיעדענע פרוכט-גערטנער א. א. וו. די פּראָדוקטען, וואָס מ'בעקומט יעהרליך פון דער יודישער ערד, בעטרעפען אַנ'ערך 2 מיליאָן פראַנק. דאָס לאָזט די יודישע ערד אַרויס אויפ'ן אַלגעמיינעם וועלט-מאַרק. [2])

ווייטער, — אויף דער דאָזיגער ערד האָבען מיר אויסגעבויעט 30 קאָלאָניעס — מיר האָבען 30 פאַר-פּאָסטען, 30 פּונקטען, וועל-

[1]) אין די לעצטע זעכס יאהר זענען צוגעקומען פאלגענדע ערד-בעזיצונגען: מגדל, מרחביה, כרכור, עין-גנים, כפרוריה, קאלענדא, דשעמאמא (יסמה), איגנאנצען אנ'ערך 50 טויזענד דונאם.

[2]) די פּראדוקטיוויטעט האט זיך פאר די 6 יאהר שטארק געהויבען.

בּעֶ זעֶנעֶן צעֶוואָרפעֶן איִבּעֶר גאַנץ ארץ־ישראל פוּן עֶק צפון בּיִז׳ן עֶק דרום. די עֶקסטעֶ צפון-קאָלאָניעֶ איִז מתולה אוֹיפ׳ן שפּוּץ פוּן בּאַרג חרמון, ניט וויַיט פוּן דעֶם אָרט וואוּ ס׳הויבּט זיִך אָן דעֶר ירדן; די עֶקסטעֶ דרום-קאָלאָניעֶ איִז קסטינִיה איִן עזה׳עֶר ראַיאָן. די קאָלאָניעֶס זעֶנעֶן גרופּיִרט בּיַי די שטעֶדט יפו, ר׳מלה, ירושלים, חיפה, טבריה, נצרת, צפת, וואוּ ס׳קאָנצעֶנטריִרעֶן זיִך אוּנזעֶרעֶ עֶרשטעֶ כּחות איִן לאַנד און ס׳פאַנגט אָן געֶבּאָרעֶן צוּ ווערעֶן אַ נייַ לעֶבּעֶן. אַט די 30 פּוּנקטעֶן, אָט די 30 העֶבּרעֶאישעֶ נעֶסטעֶן, האָט איִהר מיִט 25 יאָהר צוּריק ניט געֶקאָנט געֶפיִנעֶן אויף דעֶר קאַרטעֶ. איִצט ווּעֶט איִהר זיי געֶפיִנעֶן. אויף דעֶר דאָזיִגעֶר עֶרד איִז אוֹיסגעֶבּויט בּיִז 3000 קהל׳ישעֶ און פּריִוואַטעֶ בּנינים, וועֶלכעֶ טרעֶפעֶן אָן בּיִז 10 מיליאָן פראַנק. אַז איהר ווּעֶט נאָך דעֶרצוּ מוֹסיִף זיַין די גאַנצעֶ ריִיָה פוּן לעֶבּעֶדיִגעֶן און ניט לעֶבּעֶדיִגעֶן איִנווּעֶנטאַר, וועֶט איִהר זיִך שיִין בּערך פאָרשטעֶלעֶן די רעֶזוּלטאַטעֶן פוּן איִנזעֶר דאָרפס-קאָלאָניזאַציִעֶ. דעֶרצוּ מוּז איִך נאָר צוּגעֶבּעֶן, אַז מיִר האָבּעֶן איִן די דאָזיִגעֶ קאָלאָניעֶס נאָך איִין עשירות, וועֶלכעֶ קאָן ניט אָבּגעֶשאַצט ווּעֶרעֶן אויף געֶלד, נאָר וועֶלכעֶ האָט זעֶהר אַ גרויסעֶן ווּעֶרט. דאָס דאָזיִגעֶ עשירות איִז — דאָס געֶזוּנד מאַכעֶן דעֶם קליִמאַט. דאָרט, וואוּ פריִהעֶר זעֶנעֶן דוּרכאויס געֶווּעֶן מדבּריות און זוּמפּעֶן, דעֶר נעֶסט פוּן פעֶרשיִעדעֶנעֶ מיִאַזמעֶן, דאָרט זעֶנעֶן איִצט די קליִמאַט׳ס-תנאים נאָר ניט אַנ׳ערך בּעֶסעֶר און מאַכעֶן די דאָזיִגעֶ עֶרטעֶר פאַר אַזוֹיִנס פוּן קוּלטוּרעֶלעֶן לעֶבּעֶן. אָט דאָס עשירות איִז אַ רעֶזוּלטאַט פוּן אוּנזעֶר אַרבּייַט, וועֶלכעֶ האָט אויך צוּגעֶנוּמעֶן אַ סך מעֶנשליִכעֶלעֶבּעֶנס, וועֶלכעֶ קאָנעֶן ניט אָבּגעֶשאַצט ווּעֶרעֶן. איִן די דאָזיִגעֶ 30 קאָלאָניעֶס האָבּעֶן מיִר אַ יוּדיִשעֶ בּעֶפעֶלקעֶרוּנג פוּן אַנ׳ערך 10,000 מעֶנשעֶן: קאָלאָניסטעֶן, בּעלי מלאכות, דיִענעֶר, לעֶהרעֶר, קרעֶמעֶר א. א. וו., א. א. וו. אָט די 10 טויזעֶנד מעֶנשעֶן זעֶנעֶן דעֶר פּלוּס, וועֶלכעֶן מיִר האָבּעֶן בּעֶקוּמעֶן. דעֶם איכות׳דיִגעֶן ווּעֶרטה אָבּעֶר, וואָס די דאָזיִגעֶ מעֶנשעֶן האָבּעֶן פאַר דעֶר וויַיטעֶרדיִגעֶר קאָלאָניזאַציִעֶ, איִז שווּעֶר אוֹיסצוּדריִקעֶן דוּרך געֶנויִעֶ ציִפעֶרן. אַ חוץ אַלעֶם דעֶם האָבּעֶן מיִר נאָך איִין פּלוּס, וואָס איִז ווידעֶר זעֶהר שווּעֶר אָבּצוּשאַצעֶן; דאָס איִז די עֶרפאַהרוּנג, דעֶר סכום קעֶנטעֶניִסעֶן, וועֶלכעֶ קאָסטעֶן תמיד אַ סך מיה און פיִעל צייַט, בּפרט, אַז מ׳הויבּט אָן אוֹיסצוּפאָרשעֶן אַ זאַך, מכּח וועֶלכעֶר מ׳האָט פריִהעֶר

לחלוטין קיין שום פארשטעלונג ניט געהאט. מיר האבען א גאנצען אוצר קענטנישען איבער די ערד-ארבייטערישע און גערטנערישע אנגעלעגענהייטען, וועלכע וועלען אונבעדינגט זיין א גרויסע שטיצע פאר די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער קאלאניזאציאנס-זאך ¹).

איך דארף איצט איבערגעהן צו דער שטאדטישער קאלאני-זאציע, וועלכע האט זיך אנגעהויבען אין דער לעצטער צייט ביס-לעכווייז צו ענטוויקלען און צו פערברייטערען. איך וויל דא אנווייזען, אז אין דער צייט ווען אין די ערשטע יאהרען איז די גאנצע אויפ-מערקזאמקייט געווען געווענדעט אויסשליסליך אויף די דארפישע קא-לאניזאציע, איז אין דער לעצטער צייט פערנעהמט די שטאדטישע קאלאניזאציע זעהר א גרויסען ארט. און אויך אין דעם פרט, הגם אונזערע רעזולטאטען זענען נאך ניט גרויס, נאר עפעס-וואס ווערט שוין קלאר. קודם כל — דאס, וואס אין ארץ ישראל איז די בעפעל-קערונג גופא פערגרעסערט געווארען. 25 יאהר צוריק האבען די יודען געוואוינט נאר אין די פונקטען: אין ירושלים, חברון, טבריה, צפת און ביז הונדערט משפחות אין יפו. איצט אבער איז שטארק פערגרעסערט געווארען די בעפעלקערונג אין ירושלים און אין יפו, ס'איז געווארען א גרויסע קהלה אין חיפה און ס'האבען זיך בעווי-זען די ערשטע פיאנירען אין עכו, צדון, עזה, רמלה, נצרת, יריחו און ס'וואקסט שטארק די יודישע בעפעלקערונג אין דער נאהנטער שטאדט פון ארץ-ישראל — ביירוט.

די יודישע אונבעוועגליכע נכסים אין די שטעדט זענען שטארק פערגרעסערט געווארען. פריוואטע און קהלשע בנינים זענען פאר די לעצטע 25 יאהר צוגעקומען — אין ירושלים 3000, אין יפו — 600, צפת – 400, חיפה — 50. צוזאמען בעטרעפען זיי העכער פון 40 מיליאן פראנק. ²)

---

1) ביי איצטיגער צייט איז פארהאן ביז 40 קאלאניעס און דערפלעך. דער ווערט פון דעם באדען און פון די געביידען איז איצט דאפעלט; די בעפעלקערונג דערגרייכט ביז 14 טויזענד.

2) אין די לעצטע 6 יאהר איז אין יפו אויסגעבויעט געווארען א ספעציעל-יודישע פארשטאדט „תל-אביב", מיט די צו'ן איהם צוגעשלאסענע קווארטאלען „נחלת בנימין" און „חברה חדשה", בערך א מיליאן פיק (א פיק איז כמעט א קוואדראט-מעטער) פערנעמט דער גאנצער שטח, איינגערעכנט מיט די נאך-ניט פערבויעטע פלעצער; אנ'ערך 200 איין-און צוויי-שטאקיגע בנינים, אויף אייראפעאישער מאניער,

בכלל איז די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג אין ארץ-ישראל אין אָנפאַנג פון די אַכציגער יאָהרען בעשטאַנען פון אַן'ערך 35 טויזענד נפשות; איצט אָבער דערגרייכט זי אין די שטעדט און אין די קאָלאָניעס פון ארץ-ישראל ביז 90 טויזענד (כמעט 3 מאָל מעהר). [1].

דער יסוד פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די שטעדט דאַרף, פערשטעהט זיך, זיין, מלאכה, מסחר און אינדוסטריע. אין אָט דעם פּרט ווערען איצט געמאַכט די ערשטע טריט, די ערשטע פּראָבען, און דערין האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אונזער באַנק, „אַנגלאָ-פּאַלעסטינאַ קאָמפּאַני“, וועלכע האָט אָנגעהויבען איהרע אָפּעראַציעס אין ארץ-ישראל: 4 יאָהר צוריק אין ירושלים, אַ יאָהר צוריק אין ביירוט און אַ חודש צוריק (אָנפאַנג אַפּריל) האָט זי געעפענט אַן'אַגענטור אין חברון. אָט די באַנק ווערט דער צענטער פון דער ענטוויקלונג פון מסחר און אינדוסטריע, הויפּט אַרוים צום לעבען נייע כחות, ווי פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג אַזוי אויך אַ שטראָם פון נייע עמיגראַציאָנס-כחות. און די אַרבייט פון דער באַנק גופא איז לפי-ערך גאַנץ גוט. דער לעצטער דין וחשבון פון דער באַנק גיט פאָלגענדע רעזולטאַטען: *).

יפו 8 %; ירושלים 2%.

---

ברייטע געפלאסטערטע גאסען מיט טראטוארען, וואסער-לייטונג, א בולחאר און אלע אנדערע קולטור-בעדערפנישען.

אין חייפר האט מען שוין אויך געקויפט א גרויסען פלאץ ביים בערג פונ'ם בארג כרמל, וואו מען האט פערלעגט א יסוד צו'ן א יודישער פארשטאדט.

אין ירושלים איז געקויפט געווארען א פלאץ, וועלכען מ'האט א נאמען געגעבען תלפיות—אויך צו דעם ועלבען צוועק.

דער בעטרעף פונ'ם יודישען בעזיץ אין די דאזיגע ערטער, בעזונדערס אין יפו, האט זיך פאר די 6 יאהר שטארק געהויבען.

[1]) אין יאהר 1913 האט מען גערעכענט די יודישע בעפעלקערונג אין ארץ-ישראל 105—110 טויזענד. א גענויע סטאטיסטיק איז נישטא.

*) אנמערקונג: מחמת דעם, וואס „אנגלא-פאלעסטינא קאמפאני“ האט כמעט ניט קיין אייגענעם קאפיטאל, און ארבייט מיט די קאפיטאלען פון דער יודישער קאלאניאל-באנק, און די לעצטע נעהמט ביי איהר א גרויסען פראצענט, איז אין די אפיציעלע בעריכטען, וועלכע די ביינק שטעלען צו, קומט אויס, אז פערדיענען פערדיענט לאנדאן און ניט ארץ-ישראל; איך מאך אויפמערקזאם די, וואס אינטערעסירען זיך דערמיט, בפרט די ציוניסטען, אז באמת איז דאס בילד פערקעהרט.

אין ביירוט האט זיך געגרינדעט מיט א קליינעם דעפאזיט.[1])

דא ניט לאנג איז געגרינדעט געווארען אין יפו א חברה פון קליין-וואלוועל-קרעדיט אויף געגענזייטיגער ערבות. דער גרונד-קא-פיטאל פון דער חברה איז 100,000 פראנק. א חוץ דעם אנטייל-געצאהלט'ס פון די חברים, 20 פראנק פון יעדען חבר. 1/2 פון גרונד-קאפיטאל האט געגעבען „אנגלא-פאלעסטינא-קאמפאני" און א העלפט דער אדעסער פאלעסטינער ק. מיטעט. ס'בעווייזען זיך די ערשטע נסיונות פון פאבריקען און זאוואדען.

די ערשטע נסיונות פון אינדוסטריעלע לעבען הייבען אן צו פראינטערעסירען ווי די ארטיגע בעפעלקערונג, אזוי די ניי-אנגע-קומענע כחות.

פון די יודישע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען וועל איך אנ-ווייזען די גרעסערע פון זיי.

דאס אויסארבייטען פון די ווינען אין די גרויסע קעלערען, וועלכע האבען אלע טעכנישע פערפאלקאמענהייטען אין ראשון לציון, זכרון יעקב און אין מקוה-ישראל; ס'בויען זיך נייע קעלערען אין פתח-תקוה און אין רחובות.—דאס אויסארבייטען פון קאניאק אין גדרה, די זייף-פאבריק אין לוד און חיפה, די עהל-פאבריקען פון דער קאמאנדיט-חברה „עתיד" (דער גרונד-קאפיטאל 100,000 ר.) אין לוד און אין חיפה, די עהל פאבריק פון דער פאריזער חברה „חרמון" נעבען ירושלים, די דאמפף-וואלצען-מיהל „זרובבל" אין ירושלים, די גוס-אייזען-פאבריק אין יפו, א צווייטע בויט זיך אין חיפה, די פאבריק פון וויינשטיין זויער שטאף אין ראשון לציון און א גאנצע רייה קליינע פאבריקלעך און ווארשטאטען פון פערשידענער הויז-אינדוסטריע. איצט בויען זיך א פאבריק פון טאל אין יפו און א וואל-וועשעריי[2]). אז מיר וועלען נאך דערצו צוגעבען די שטארק

---

[1]) ס'זענען געעפענט געווארען ווייטערע אבטיילונגען פון דער א. פ. ק. אין חייפה, צפת און טבריה. דער מיטעל-דיווידענד פון אלע אבטיילונגען איז אין די לעצ-טע יאהרען געוועזען פון 4 ביז 5 פראצענט.

[2]) אין גבול פון פאבריקאציע איז להיפך צו בעמערקען א אנוויכטיגען ריקשריט די מיהל „זרובבל" איז אפגעברענט געווארען; די פאבריקען פון „עתיד" האבען שטארק פערקלענערט זייער אויסארבייטונג; דער מעכאנישער ווארשטאט אין יפו האט באנקראטירט און שטארק פערקלענערט זיין אויסארבייטונג; די פאבריק „חרמון" אר-בייט כמעט גאר ניט.

פערנרעסערטע צאָהל פון יודישע בעלי-מלאכות מכל המינים, אויך דאָס פערברייטערן זיך פון יודישען מסחר, וואָס ס'האָבען זיך נעעפענט עטליכע סקלאַדען, מאַגאַזינען, קאָמיסיאָנס-קאָנטאָרען, עקספּאָרט-און אימפּאָרט-אַגענטורען, איז מיט דעם ענדינט זיך די עקאָנאָמישע עראָבערונג פון די יודען אין די שטעדט [1].

איך וועל אייך שוין מעהר ניט מיעד מאַכען מיט'ן אויספיהרליכען אויסרעכענען אַלע רעזולטאַטען פון אונזער עקאָנאָמישער עראָבערונג. נאָר ווען איך זאָל זיך אָבער אָבשטעלען נאָר אויף דעם אַליין, וואָ'ט דאָס בילד געווען ניט קיין גאַנצעס. איהר ווייסט דאָך אַלע נעוויס פון דער וועלטאַנשויאונג, וועלכע איז נעגרינדעט אויף דער הנחה, אַז די עקאָנאָמיק איז אַלץ, און דאָס גייסטיגע לעבען איז דער אויבער-בנין איבער דער עקאָנאָמיק. איך בין ניט קיין אַנהענגער פון דער דאָזיגער לעהרע; איך האַלט, אַז דאָס גייסטיגע, דאָס קולטורעלע לעבען איז דער בנין, און די עקאָנאָמיק איז זיין פונדאַמענט, נאָר דער פונדאַמענט איז תמיד בעגראָבען אין דער ערד און אינטערעסירט קיינעם ניט, און אינטערעסירען אינטערעסירט דער בנין גופא, דעריבער, אָנווייזענדיג אייך דאָ אויף די ערשטע נסיונות, אויף די יסודות פונ'ם אַוועקנעלעגטען פונדאַמענט, אויף אונזער עקאָנאָמיק, האַלט איך פאַר נויטיג אָבצושטעלען זיך אויפ'ן בנין גופא; ווייל אינ'ם בנין איז דער גאַנצער תוך פון דער זאַך. צו אַ בנין, צו אַנ'איינען הויז שטרעבען מיר, און איהר ווייסט געוויס, אַז יעדעס פאָלק בויעט זיין בנין לויט זיין אייגענעם נעשמאַק, לויט זיין אייגענער אַרכיטעקטור, זיין אייגענער שטימונג. איך וויל פאַר אייך פאָרשטעלען דעם בנין, וועלכען מיר נעהמען זיך בויען, אמת, קיין בנין איז נאָך דערווייל ניטאָ, ס'זענען נאָר פאַרהאַן די קאָנטורען, ס'זענען נאָר פאַרהאַן שטריכען און, געוויס: מענשען, וואָס קאָנען ניט זעהן ווייטער פון דעם, וואָס ס'שטעהט פאַר זייערע אויגען, וועלען נאָך גאָר ניט זעהן; אָבער דער אַרכיטעקטאָר, וועלכער האָט פערשטאַנען זיין בנין און וועלכער האָט איהם ליעב, זעהט שוין אין די ערשטע קאָנטורען דאָס גראַנדיעזע הויז, צו וועלכען ער שטרעבט. די ערשטע קאָנטורען, די ערשטע אָנווייזונגען אויף די

[1]) דער יודישער מסחר און קאָמיסיאָנס-געשעפטען האָבען זיך שטאַרק צעוואַקסען אין די לעצטע 6 יאָהר.

דאזיגע פארמען פונ׳ם נייעם לעבען, וועל איך זיך פרובען אייך צו ווייזען.

ווען איך געה איבער אויסצורעכענען פאר אייך די רעזולטאטען, וועלכע מיר האבען בעקומען אין ארץ־ישראל אינ׳ם פרט פון אונזער גייסטיגען, קולטורעלען לעבען, מוז איך קודם כל אבשטעלען זיך אויף איין ווערטה, וועלכער האט א צווייענדיגע בעדייטונג: ראשית פאר זיך אליין, והשנית, אלס א מיטעל צו ערווערבען אנדערע ווערטהען. איך מיין די שפראך. די שפראך, אייגענטליך, דיענט נאר אלס מיטעל, דורך וועלכעס ס׳ווערט אויסגעדריקט, בעארבייט און בעשטימט בעוואוסטע השגות, בעוואוסטע פארמען פון געדאנקען אויף איבערצוגעבען זיי פון איינעם צום צווייטען. נאר אט דאס מיטעל פאר זיך גופא האט זעהר א גרויסע בעדייטונג. די שפראך גופא איז א בעשטימטער ווערטה, און דעריבער געהט תמיד גלייך די ענטוויקלונג פון דער שפראך מיט רער ענטוויקלונג פון פאלק. וואס קולטורעלער, וואס גייסטיג ענטוויקעלטער דאס פאלק איז, אלץ ברייטער ענטוויקעלט און פערשיערענארטיג מוז זיין זיין שפראך, ווייל די השגות פון דעם בעטרעפענדען פאלק זענען מעהר ברייט און מעהר גרויס. און פערקעהרט: ביי וועניג קולטורעלע פעלקער, וועמעס השגות און אלע גייסטליכע ווערטהען זענען זעהר קליין, איז די שפראך זעהר ניט ענטוויקעלט און ניט פערשיעדענארטיג. פיעל פון אייך איז, ווארשיינליך, בעקענט הארנפעלדס ארטיקעל מיט׳ן נאמען: „די יסורים פון ווארט", וואו ער מאלט יענע שרעקליכע יסורים, וועלכע ס׳ליידט דער מענש, וואס וויל אויסדריקען זיינע השגות, זיין שטימונג, און געפינט ניט דערויף קיין ווערטער אין דער שפראך, אויף וועלכער ער רעדט. אזעלכע יסורים פון ווארט לעבט איצט איבער דאס ארץ-ישראל׳דיגע יודענטום. דאס יודישע פאלק, וועלכעס איז בלי ספק איינס פון די קולטורעלסטע פעלקער, וואס זיין גייסטיג לעבען איז געוויס ברייט ענטוויקעלט — אט דאס פאלק האט ניט זיין אייגענע שפראך. איהר ווייסט, אז נאכדעם, ווי די יודען האבען פערלוירען זייער זעלבסטשטענדיגקייט האט זיך די העברעאישע שפראך ענטוויקעלט זעהר איינזייטיג. קודם כל האט זי זיך ענטוויקעלט נאר אין איהרע געשריבענע פארמען. קיין לעבעדיגע שפראך איז זי שוין לאנג ניט. נאר אפילו אין איהרע געשריבענע פארמען, אין דער ליטעראטור, האט זי זיך ענטוויקעלט

זעהר אײַנזײַטיג. אויף אַזוי פיעל אײַנזײַטיג, אויף וויפיעל דאָס יודי-
שע פאָלק גופא האָט זיך ביז'ן לעצטען יאָהר-הונדערט אײַנזײַטיג
ענטוויקעלט, קאָנצענטרירענדיג זײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקײַט אויף
רעליגיעז-פילאָזאָפישע פראַגען.

און דעריבער, ווען ס'האַלט אין נעבוירען ווערען אַ נײַ לעבען,
אַ לעבען, וועלכעס וויל האָבען אַ פערבאַנד מיט'ן עבר און ניט
נאָר אויף איהם זיך אָבצושטעלען, נאָר ווײַטער צו ענטוויקלען הײַנט=
וועלטיגע, נײַע פאָרמען פון לעבען, נײַע אַנשויאונגען, נײַע השגות
און ווערטהען, לאָזט זיך אויס, אַז אונזער פאָלק האָט ניט דאָס
ערשטע און נויטיגסטע מיטעל, וועלכעס איז נויטיג פאַר אַ
נאָרמאַלע ענטוויקלונג—אַן'אײַגענע לעבעדיגע שפּראַך. די העברע-
אישע שפּראַך האָט ניט געלעבט בײַם יודישען פאָלק פאַר דער לעצ-
טע צײַט, און אין דער ברענענדיגער פראַגע מכח דער שפּראַך האָט זיך
צום ערשטען אַנגעשטויסען דאָס יודענטום אין ארץ-ישראל ווען עס
האָט אָנגעהויבען צו פערטראַכטען זיך איבער דאָס אײַנאָרדנען זײַן
נײַעס לעבען. אין ארץ-ישראל זענען אָנגעקומען יודען פון אַלע עקען
וועלט און האָבען מיט זיך געבראַכט יענע שפּראַכען, אויף וועלכע
זיי האָבען גערעדט אין די לענדער, וואו זיי האָבען געוואוינט.
איהר האָט דאָרט אַזעלכע, וואָס ריידען זשאַרגאָן, שפּאַניאָליש און
אַראַביש, פיעל ריידען אויך אויף די שפּראַכען פון זייער געוועזענער
הײַם — רוסיש, דײַטש, פראַנצעזיש, ענגליש, מיט איין וואָרט, אַ צו-
נויפמישונג פון שפּראַכען. אַלזאָ, בײַם ערשטען צוזאַמענטרעפען זיך
האָט דאָס לעבען גופא זיי געצווינגען צו פערטראַכטען זיך איבער די
פראַגע פון דער שפּראַך, ס'האָט זיי געצווינגען אָבצושטעלען זיך אויף
וועלכער ס'איז איין שפּראַך, וועלכע זאָל זײַן אַ פעראײַניגונגס-
שפּראַך. און ס'איז גאַנץ נאַטירליך, סײַ פון ריין פּראַקטישען שטאַנד-
פונקט, סײַ פון שטאַנדפונקט פון די גײַסטליכע אינטערעסען, אַז
זיי האָבען זיך געמוזט אָבשטעלען אויף העברעאיש—אַלזאָ, אויפלע-
בען די שפּראַך, אַלס אַ לעבעדיגע, און נאָכדעם ענטוויקלען זי,
אַז זי זאָל קאָנען ענטהאַלטען אַלע הײַנטיגע השגות—דאָס איז איינע
פון די הויפּט=אויפגאַבען פון אונזער אַרבײַט, פון דער ענטוויקלונג
פון אונזער לעבען אין ארץ-ישראל, און איך קאָן קאָנסטאַטירען
דעם פאַקט, אַז אין דעם פרט איז דער ערפאָלג אונבעדינגט אַ
קאָלאָסאַלער. די העברעאישע שפּראַך—איך וועל ניט זאָגען, אַז זי

איז שוין געווארען, נאר זי ווערט א לעבעדיגע שפראך, די שפראך פון דער צוקינפטיגער יודישער בעפעלקערונג, און ס'קאן זיין אפילו פון דער ניט-יודישער — ס'וועגדט זיך אין דעם, ווי ווייט דאס יודישע עלעמענט וועט זיין דאס הערשענדע אין לאנד. זעלבסטפערשטענדליך, אז תחלת וועט די ענטוויקלונג פון דער שפראך געהן פון דער שולע, פון דער שולע, וועלכע גרייט-צו דעם מענשען צום לעבען. און אז די שפראך וועט ווערען א לעבעדיגע אין שולע, וועט זי אריבער-געהן אין לעבען און וועט פערהאפען אלע עלעמענטען. מיר זעהען עס אין דער ליטא און פוילען ווי די רוסישע און פוילישע שול האט אריינגעטראגען דורך איהרע תלמידים די רוסישע און פוילישע שפראך אין די פאמיליעס פון די תלמידים. תחלת האט דער זשארגאן אנגעהויבען שטארק פעררוסישט און פערפוילישט צו ווערען, און נאכדעם איז ער לחלוטין ארויסגעשטויסען געווארען. אין ארץ-ישראל קומט אויך פאר דער זעלבער פראצעס. דער זשארגאן ווערט שטארק פערהעבראיזירט, ער נעהט דורך די ערשטע שטאפלען פון זיין ענדליכער ארויסשטויסונג.

פאר אונזערע אויגען האלט אין וואכסען אן'אנפאנגס-שולע אין ארץ-ישראל, אזא מין שולע, וועלכע מיר געפינען ניט צווישען די שולען, וואס געהערען צו די אייראפעאישע יודען. איך מיין די אזוי אנגערופענע „קינדער-גערטנער“ אין ארץ-ישראל. איהר האט דארט קינדער-גערטנער, וואו ס'לערנען זיך קינדער פון 3—4 און 7 יאהר אלט — יונגלעך און מיידלעך. אין די דאזיגע קינדער-גערטנער קלינגט דורכאויס די העבראאישע שפראך, קיין אנדער שפראך ווייסט מען דארט ניט. זי איז די שפראך פון די קינדערשע שפיעלכלעך און פון גאנצען לעהר-סיסטעם, וועלכעס ווערט געפיהרט לויט פרעבעלס מעטאדע. און אלע יודישע קינדער אין ארץ-ישראל, אפילו די קליינינקע, רעדען אויף דער דאזיגער שפראך, ווי ס'רעדט א קינד אויף אן'אנדערער וועלכער ס'איז לעבעדיגער שפראך. און דאס דער קאמפף צווישען דעם גארטען און נאכדעם די שולע פון איין זייט, מיט דער הויז-ארדנונג פון דער צווייטער זייט פיהרט זיך נאך, נאר דער גארטען און די שולע האבען די אויבערהאנד. די ענטוויקלונג פון די קינדער-גערטנער אין ארץ-ישראל ווערט אלץ גרעסער און גרעסער און ס'שטעהט זיי פאר א גלענצענדע צוקונפט, אין דעם בעשאפען זיי נעהמען אן'אנטייל סיי פריוואטע מענשען

זײ פערשידענע אינסטיטוטען, און איך זאג נאך א מאל: די זאך
נעהמט שנעל פארווערטס. קינדער-גערטנער זענען פארהאן כמעט אין
אלע קאלאניעס, און פון די שטעדט, איז אין ירושלים פארהאן 3
גערטנער, אין יפו—2, אין ביירוט—1, אין צפת—1.[1]). נאך די
קינדער-גערטנער גייען שוין די שולען. אין די קאלאני'עס, א חוץ
פתח-תקוה און עקרון, זענען די שולען געמישטע פון יונגלעך מיט
מיידלעך, אין די שטעדט אבער, א חוץ די נייע גימנאזיע אין יפו,
זענען די שולען פאר מיידלעך באזונדער און פאר יונגלעך באזונדער;
אין גימנאזיע איז געמישט. אין שולע גייט די ענטוויקלונג פון דער
שפראך ווייטער, נאר דארט קומען שוין פאר גרעסערע שוועריגקיי-
טען. דארט הויבט מען שוין אן צו לערנען פערשידענע למודים,
וועלכע האבען ניט קיין טערמינאלאגיע אויף העברעאיש. וואו ס'פא-
דערט זיך א דאפעלע פארברייטונג מצד דעם לעהרער: באקענען זיך
מיט'ן למוד גופא און נאכדעם איבערזעצען איהם אויף העברעאיש.
אין ניט קיקענדיג אויף די דאזיגע שוועריגקייטען, איז אין דעם פרט
דער ערפאלג א רעאלער און אנגעזעהענער אט די שולען זענען קודם
כל קאלאניאלע און אט די קאלאניאלע שולען זענען העכסט אינ-
טערעסאנטע. אזעלכע שולען זענען ביי יודען אין ערגעץ ניטא. מיר
ווייסען, אז ביי יודען איז תמיד געווען איין מין שולע—דער חדר,
וועלכער האט געטראגען א רעליגיעזען כאראקטער, וואו פון אנהויב
ביז'ן סוף האט מען געלערענט נאר רעליגיעזע למודים. און אפילו
די יודישע שפראך מיט דער יודישער געשיכטע איז אויך געלערענט
געווארען אין רעליגיעזער פארם. אין דער לעצטער צייט—א יאהר
30—40 האבען זיך אנגעהויבען גרינדען יודישע שולען, וואו עס
שטעלט זיך שוין פאר נאר אנ'אנדער בילד. דאס זענען אייגענטליך,
אזעלכע שולען וואס הייסען יודישע נאר דערפאר, ווייל ניט יודען
נעהמט מען אהין ניט אריין. קיין אנדער חלוק צווישען זיי און די
ניט-יודישע שולען איז ניטא. מ'לערענט דארט, אמת, די יודישע
שפראך, ווי מ'רופט עס—„זאקאן באזשי" נאר די יודישע קענטע-
ניסען, וואס ס'בעקומען די תלמידים, וועלכע ענדיגען די דאזיגע
שולען, זענען גאר ניט ווערטה. דאס זענען שולען פאר יודישע קינ-
דער, אבער ניט קיין יודישע שולען אין פולען אוןווירקליכען זינן
פון דעם דאזיגען ווארט.

---

[1]) די צאהל פון די קינדער-גערטנער איז שטארק אויסגעוואקסען.

אַזאַ יודישע נאַציאָנאַל-שולע, ווי די רוסישע, פראַנצויזישע אָדער דײַטשע שולע, האָבען מיר אין ערגעץ ניט; אַזאַ מין שולע הויבט-אָן וואַקסען אין ארץ-ישראל. אַלע למודים ווערען דאָרט געלערענט אויף העברעאיש און אַלץ איז דאָרט צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון דער סביבה און נאָר אין עטליכע קאָלאָניעס און אין די שטעדט לערענט מען אויך אויסלענדישע שפּראַכען. ס'איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס אַזאַ מין שולע האָט געקאָנט ווערען נאָר אין ארץ-ישראל און ניט ערגעץ אַנדערש. אין דעם לאַנד, וואו דאָס לעבען ווערט באַשאַפען אין אַזעלכע פאָרמען, וואָס אַלעס ווערט איבערגעאַנדערשט מיט דער האָפנונג צו באַשאַפען דאָרט אַ יודישעס זעלבסטשטענדיג לעבען, דאָרט מוז נאַטירליך דאָס לעבען אויך באַשאַפען זײַן נאַציאָנאַלע שולע. אין אַנדערע לענדער אָבער וואו דער יוד מוז זיך צופּאַסען צו די אַרומיגע תנאים, קאָן קיין יודישע שולע ניט ווערען, און אַלע כחות, וואָס מ'ווענדט אָן דערויף וועלען אומבערינגט קיין וויכטיגע רעזולטאַטען ניט האָבען. אין די יודישע שולען אין ארץ-ישראל נעהמט מען אויך צו ניט-יודישע קינדער, קריסטען און מאַהמעדאַנער, און דעריבער קאָן מען אָפט באַגעגענען אַראַבישע קינדער, וואָס רעדען גוט העברעאיש. זעלבסטפערשטענדליך, אַז די קאָלאָניאַל-שולע איז אַן עלעמענטאַרע. דער העכערער מין שולע, וועלכער געהט נאָך ווײַטער, זענען די שטעדטישע שולען. אַזעלכע שולען זענען דערהויפּט אין ירושלים, יפו און אין עטליכע קלענערע שטעדט. און אין זיי באַגעגענט מען נאָך גרעסערע שוועריגקייטען. די למודים און די שולען ווערען פערגרעסערט און די אונטערריכטונג ווערט נאָך שווערער. נאָר אין דעם פּרט קומט פאָר אַ ריעזיג שטאַרקע אַרבייט מצד אַלע בעסטע אָרטיגע פּעדאַגאָגען. דאָ ווערט ביסלעכווייז אײַנגענומען אַ פּאָזיציע נאָך אַ פּאָזיציע, אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן — און מיר האָבען איצט אין די שטעדט אַ גאַנצע רייה שולען, וועלכע קאָנקורירען מיט'ן אופן פון זייער לערנען מיט די אייראָפּעאישע שטעדטישע שולען. אַלץ ווערט דאָרט געלערענט אויף העברעאיש; חוץ דעם לערענט מען אויך אויסלענדישע שפּראַכען. רעדענדיג מכח די שטעדטישע שולען, שולען מוז איך אָנווייזען, אַז אַ שטרענג'ם פערהאַלטען זיך צו דער העברעאישער שפּראַך ווי צו דער הערשענדער איז נאָר אין דער שולע וועלכע, דער פּאַלעסטינער קאָמיטעט האַלט אויפ

און אין דער גימנאזיע; אין די שולען אבער, וועלכע ס'האלטען אויס אנדערע אינסטיטוטען, די אויסלענדישע „אליאנס“ און „עזרא“, ווערט דאס דאזינע סיסטעם גאנץ וויט ניט איננאנצען דורכגעפיהרט. דארט פערנעמען די אויסלענדישע שפראכען א סך מעהר ארט, און די מלחמה צווישען דער נאציאנאלער שטימונג, וואס נעהט פון אונזערע שולען, פון איין זייט, מיט דער אסימילאטארישער שטימונג, וואס נעהט פון דער אליאנסער שולע, פון דער צווייטער זייט, פיהרט זיך נאך עד היום. נאר מיר מוזען אגב קאנסטאטירען דעם פאקט, אז דאס נאציאנאלע עלעמענט עראבערט אלץ מעהר און מעהר ארט אין יענע שולען. איהר האט, וואהרשיינליך, געהערט, אז אין דער לעצטער צייט איז געגרינדעט געווארען א נייע פיער-קלאסיגע שולע, וועלכע האט זיך געשטעלט דעם צוועק צו נאטוויקלען זיך ביז א פאלשטענדיגער גימנאזיע. אויף אויסצופיהרען די דאזיגע זאך ביז'ן סוף זענען נויטיג זעהר פיעל פעראנאנישע און מאטעריעלע כחות. אין דעם פרט קומט פאר א פערשטארקטע ארבייט איצ'ם זין פון צוגרייטען און אויסארבייטען מעטאדען.

אחוץ די געוועהנליכע חדרים, תלמוד-תורה'ס און ישיבות פונ'ם אלטען שניט, זענען נאך פאראן אין די שטעדט פאלגענדע נייע שולען:

ירושלים. 1) א מענער-שולע פון דער „אליאנס“. ביי דער שולע איז פאראן א גרויסע האנדווערקער-שול מיט פיעל אבטהיילונגען; 2) לעמעל-שולע פאר יונגלעך. די שולע ווערט אויסגעהאלטען דורך יודישע אינסטיטוטען פון דייטשלאנד און עסטרייך; ביי דער שולע איז פאראן א לעהרער-סעמינאר מיט א דריי-יאהריגען קורס און ס'עפענין זיך קורסען פון קאמערציעלע למורים; 3) א מיידעל-שול „עוועלינא-דע-ראטשילד“, וועלכע ווערט אויסגעהאלטען דורך דער ענגלישער „אנודת-אחים“. [1])

יפו. 1) א מיידעל-שולע, וועלכע ווערט אויסגעהאלטען דורך

---

[1]) ס'איז אויך געגרינדעט געווארען א גימנאזיע אין ירושלים, דערווייל נור 6 קלאסען מיט בערך 150 תלמידים, ס'שוין צונויפגענומען געווארען די נויטיגע סומע צו בויען אנ'אייגען הויז פאר דער גימנאזיע.

5 יאהר איז שוין זייט אין ירושלים איז געגרינדעט געווארען דער בצלאל, א קונסט-געווערבע-שולע מיט ווארשטאטען (וועגען דעם איז דא ביי אונז א באזונדער בראשורע).

אדעסער פאלעסטינער קאמיטעט; 2) א מענער-שולע פון דער „אליאנס״; 3) א מענער-שולע פון דעם בערלינער „הילפס-פעראיין״; 4) א געמיש-טע גימנאזיע, וועלכע איז נעגרינדעט געווארען דורך מעטטאנ׳ען און באגראטשאוו׳ען (לעת עתה זענען אפען צוויי פארבערייטונגס-און דער ערשטער און צווייטער קלאסען; 5) א שולע פאר עמיגראנטי-שע קינדער [1]).

אין חיפה, ביירוט, צפת און טבריה זענען פארהאן שולען נאר פון דער „אליאנס״. [2]) אט דאס אלעס צוזאמענגענומען בעשאפט א נייעם יודען, א פרייען, וועלכער שטרעבט, לכל הפחות, צו פריי-הייט; דאס בעשאפט א יודישען נאציאנאליסט, וועלכער האלט טייער זיינע ווערטהען, זיין קולטור. דאס זענען נאר די ערשטע גרעזעליך, דאס איז די התחלה פון דער וואכסענדער בעוועגונג צו פרייהייט. צו הילף אט די שולען קומען די אווענד-קורסען, וועלכע האלטען אין וואכסען. אויף די דאזיגע אווענד-קורסען פאר דער-וואכסענע לערענט מען שפראכען און פערשיערענע למודים. ס׳האל-טען אין וואכסען ביבליאטהעקען, ווי די נאציאנאל-ביבליאטהעק

[1]) די גימנאזיע איז אויסגעוואקסען אין א גראנדיאזע 8 קלאסיגע לעהר אנשטאלט מיט 4 פארבערייטונגס און פאראלעל קלאסען. די צאהל פון די תלמידים און תלמידות דערגרייכט ביז 700; דער ביודזשעט בעטרעפט יעהרליך 120 טויזענד פראנק. די גימנאזיע האט אנ׳אייגען פרעכטיג הויז אין תל-אביב מיט אלע נויטיגע אודיטאריעס און וויסענשאפטליכע קאבינעטען. היינטיגם יאהר איז געווען דער ערשטער וויפוסק. די געענדיגטע נעמט מען אן אהן עקזאמענ׳ס אין אלע אוני-ווערזיטעטען פון אייראפא.

די מיידעלשע שולע, וועלכע ווערט אויסגעהאלטען פונ׳ם אדעסער פאלעס-טינא-קאמיטעט, האט זיך ערווארבען א פרעכטיג געביידע, וועלכעס ענטהאלט 8 קלאסען, צוויי פאראלעל-קלאסען, מיט 400 תלמידות. אין דעם יאהר האבען זיך געעפענט ביי דער שולע ווארשטאטען צו לערנען האנדארבייט און מלאכה.

פאראיאהרען האט דער קאמיטעט געעפענט אין יפו א לעהרערין-סעמינאר מיט א 4-יעהריגען קורס אויפ׳ן נאמען פונ׳ם נאטזעליגען שריפטשטעלער לעווינסקי ז״ל, צו צוגרייטען לעהרערינס און גערטנערינ׳ס.

אין יפו איז נאך פארהאנען א אינגעלשע שולע „תחכמוני״, וועלכע איז געג-רינדעט געווארען דורך די פראנקפורטער ארטאדאקסען.

ביי דער תלמוד-תורה איז געעפענט געווארען א שלאסער-טעכאנישער ווארשטאט.

די שולע פאר עמיגראנטען-קינדער האט זיך פערמאכט.

[2]) אין חיפה, ביי די פיס פונ׳ם בארג כרמל, האט מען אויפגעשטעלט א גראנדיאזען בנין פאר׳ן טעכניקום און פאר דער פארבערייטונגס שולע ביי איהם, וועלכע וועלען זיך עפענען אינ׳ם יאהר 1914.

אין ירושלים, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען דורכ'ן ד"ר חאַזאַנאָוויטש און די ביבליאָטהעק אין יפו, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען דורכין אַרעסער פאַלעסטינער קאָמיטעט צום אָנדענקען פון ל. לעוואַנדאָ. אָט די ביבליאָטהעקען בריינגען אויך נוצען די קולטורעלע אינטערעסען פון דער אָרטיגער יודישער בעפעלקערונג. אין דער לעצטער צייט ווערען געמאַכט נסיונות צו גרינדען אַ נייע העכסט אינטערעסאַנטע אַנשטאַלט: אַ יודישעם טהעאַטער, וואו די פאָרשטעלונגען וועלען פאָרקומען אויף העברעאיש. אַ חוץ פערשיעדענע קינדערשע פיעסען, האָבען ליבהאָבער געשטעלט פאַר דערוואַקסענע פאָלגענדע פיעסען: „זרובבל" פון ליליענבלום, „די יודען" פון טשיריקאָוו, „אוריאל אַקאָסטאַ" גוטצקאָוו'ס, „דער קאַרגער" פון מאָליער און אַנדערע, אָט די נסיונות זענען געמאַכט געוואָרען גאַנץ געלונגען. און אויב אָט די אַנשטאַלט וועט ווערען אַ שטענדיגע, וועט זי בריינגען זעהר גרויסע נוצען דער ענטוויקלונג און פערשפרייטונג פון העברעאיש. איך וועל זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף דער גאַנצער רייהע פון קהל'שע און צדקה=אינסטיטוטען אין די שטעדט און אין די קאָלאָניעס,— אינסטיטוטען פון געוועהנליכען שניט, וואָס מיר קענען בעגעגענען אין אַנדערע יודישע קהלות. דאָרט איז עפּיס בעזונדער אָריגינעלעם ניטאָ. איך קאָן נאָר צוגעבען, אַז זיי ענטוויקלען זיך פריי, אָהן שום איינפלוס פון דרויסען. ס'האַלט אין וואַקסען אַ לעהרער-אָרגאַניזאַציע; זי עקזיסטירט שוין 4 יאָהר, האָט יעהרליכע צוזאַמענפאָהרען, קורסען א. א. וו. ס'זענען פאַרהאַן 4 אַרבייטער=אָרגאַניזאַציעס, אַ האַנד=ווערקער פעראיין און פיעל אַנדערע. ס'האַלטען אין ווערען אַנדערע פאָרמען פון געמיינזאַמען לעבען און די ערשטע גרעזעלעך דערפון בעמערקען מיר שוין. ב'האַלט פאַר נויטיג אָנצעווייזען אויף דאָס זאַמעל-בוך „העומר", די ערשטע פרוכט פון די ארץ=ישראל'ער ליטעראַרישע כחות; אַ גאַנץ ווערטהפאָלעס זאַמעל-בוך. אַ קליין ליטעראַריש-אַרכעאָלאָגישען ווערטה האָט דער יעהרליכער לוח פון לונץ. אָבער די צייטונג „החבצלת" (וועכענטליך) און „השקפה" (צוויי מאָל אין וואָך) האָבען קיין שום ווערטה ניט[1].

---

[1]) שטארק ענטוויקעלט האט זיך די היימישע ליטעראטור, ס'ערשיינען איצט צוויי טעגליכע צייטונגען אין ירושלים („החרות" און „סוריה") צוויי וואכענבלעטער („הפועל הצעיר" און „האחדות") צוויי מאנאטליכע זשורנאלען („מולדת" און „החקלאי")

דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען איז שטאַרק ענטוויקעלט. ס'קומען פאָר פערזאַמלונגען און זיצונגען. די שפּראַך פון די זיצונגען איז דאָס רוב העברעאיש.

רעדענדיג מכח די שולען, מוז איך אייך נאָך אָנווייזען אויף די וואַקסענדע ספּעציעלע שולע „בצלאל", וועלכע האָט די אויפגאַבע צו ענטוויקלען ביי דער אָרטיגער בעפעלקערונג די ליעבע צו קונסט און צו פערשידענע קונסט־מלאכות. אַט די שולע האָט שוין געגעבען בעשטימטע רעזולטאַטען אין'ם זין פון דער שטימונג, וועלכע הערשט בנוגע צו איהר אין'ם זין, וואָס זי האָט צוגעצויגען די אויפמערקזאַמ־קייט פון די בעסטע אָרטיגע כחות.

איך וועל דאָ אָנווייזען אויף די גרינדונג פון מוזיקאַלע אגודות אין ראשון לציון און אין יפו און אויפ'ן ערשטען נסיון צו גרינדען אַ גימנאַסטישע חברה[1]. דאָס קלוב־לעבען ענטוויקעלט זיך אויך; ס'זענען געעפענט געוואָרען קלובען אין יפו און אין חיפה. ס'עפענט זיך אַ קלוב אין ירושלים. רעדענדיג מכח דער ענטוויקלונג פון די געזעלשאַפטליכע לעבענס־פאָרמען, האַלט איך פאַר נויטיג אָנצעווייזען אויף איין פאַקט פון געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכען ס'איז, לויט מיין מיינונג, בעשערט צו שפּילען גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דער צוקונפטיגער ענטוויקלונג פון יודישען לעבען אין ארץ־ישראל. איך מיין די אַזוי־אָנגערופענע קאָלאָניאַל־ועדים (קאָמיטעטען) און איך וועל ווידער זאָגען דאָס, וואָס איך האָב שוין איין מאָל געזאָגט, אַז בעשולדיגען דעם יודען, דאָס ער קאָן זיך ניט אָרגאַני־זירען, דאָס ער קאָן ניט מקריב זיין זיינע פערזענליכע אינטערעסען פאַר'ן כלל, דאָס ביי איהם פעהלט דיסציפּלין,—דאָס, זאָג איך, קאָן מען ניט. דאָס לעבען פון די קאָלאָניסטען קאָן, לויט מיין מיינונג, דערווייזען דעם היפך פון די דאָזיגע בעשולדיגונגען.

---

און דער זשורנאַל ה„חנוך"—איין מאָל אין צוויי מאָנאַטען, אויסערדעם עקזיסטירען נאָך אייניגע פערלאַגען פון ביכער, בראָשורען און זאַמעל שריפטען, און עס ערשיינען ידיעות פון דער מעדיציניש׳ער געזעלשאַפט—אַלץ אויף העברעאיש.

[1]) ס'פאַרהאַן צוויי מוזיק־שולען, איינע אין ירושלים און איינע אין יפו. דער טורנפעראיין (פאַר גימנאַסטיק) „מכבי" ענטוויקעלט זיך שנעל און האָט אָבטיילונגען כמעט אין אַלע שטעדט און קאָלאָניען.

אין די לעצטע יאָהרען איז אויך אויפגעקומען די אָרגאַניזאַציע ה„שומר",—אַן אָרטעל פון שומרים, וואָס היטען די יודישע קאָלאָניעס.

די ארץ־ישראל׳ער קאָלאָניעס זענען פּאַלשטענדיג פריי. בנוגע צו דער טערקישער מלוכה האָבען זיי נאָר איין התחייבות: צאָהלען זייערע שטייערען. אין דער לעצטער צייט איז דער גרעסטער טייל פון די קאָלאָניסטען געוואָרען אונאבהענגיג אין עקאָנאָמישען זין פון וועלכען ס׳ניט איז אינסטיטוט, און אפילו פון בּאַראָן ראָטהשילד. און דאָרט, וואו ס׳איז ניטאָ קיין שום אויסערליכע פיזישע מאַכט וועלכע זאָל פערהאַלטען די ריכטיגע ענטוויקלונג פון׳ם קהל׳שען לעבען, דאָרט וואו ס׳האָט זיך געדאַרפט ענטוויקלען דער אינדיווידואַליזם, וועלכער זאָל ניט לאָזען געבּאָרען ווערען דאָס נייע לעבען— דאָרט זעהען מיר דעם היפך דערפון: אין די קאָלאָניעס ווערען דורך די קאָלאָניסטען אויסגעקליבען ועדים, וואָס האָבען אַ שטאַרקע מאַכט, כמעט אַן׳אונבּעגרענצטע, אין אַלע ענינים פון דער קאָלאָניע. אָט די ועדים פיהרען־אָן די גאַנצע אָרדנונג פון׳ם אינערליכען לעבען, פיהרען די ביכער פון דער קאָלאָניע, וואו ס׳ווערען פערשריבען די גרעניצען און די חלקים ערד פון יעדער קאָלאָניסט, לעגען אַרויף שטייערען צום נוצען פון די אָדער יענע קאָלאָניאַלע אַנשטאַלטען, לעגען אַרויף שטראָף־בּעצאהלונגען אויף די פערשולדיגטע קאָלאָניסטען און דערגלייכען. פרעגט זיך: וואו איז יענע פיזישע קראַפט, וואו איז דאָס אַלעס, וואָס ס׳האָט געקאָנט נויטען די אונצופריעדענע עלעמענטען, אַז זיי זאָלען פאָלגען די ועדים? און מיר זעהען דאָך פאָרט, אַז די ועדים זענען די ווירקליכע בעלי־בתים פון די קאָלאָניעס. ס׳וועט בּעשאַפען אַ מין אינערליכע דיסציפּלין, וועלכע האַלט זיך אין׳ם נאָמען פון דער אָרדנונגס־אידעע גופא און נויט די קאָלאָניסטען, אַז זיי זאָלען פאָלגען די אינסטיטוטען, וועלכע זיי גופא האָבען בעשאַפען. אין׳ם יאָהר 1901, ווען ס׳איז געווען די חאָלעריע אין ארץ־ישראל, האָבען די קאָלאָניאַלע ועדים איינגעאָרדענט אין די קאָלאָניעס די שטרענגסטע סאַניטאַרע השגחה און אַ קאַראַנטין. מ׳האָט די קאָלאָניעס ארומגערינגעלט מיט אַ קאָרדאָן פון בּעוואָפענטע רייטער און מ׳האָט ניט אריינגעלאָזט אהן אַן׳ערנסטע דעזינפעקציע און אַ דריי־טעגיגען קאַראַנטין. אפילו דעם יפו׳ער קייסאַקאַן (איספראַווניק) האָט מען ניט אַריינגעלאָזט אין פתח־תקוה, ניט קוקענדיג אויף זיינע פּראָטעסטען. דאָס רעזולטאַט איז געווען פאָלגענדעס: אין דער צייט, ווען אין די שטעדט און אין די נאָהענטע אַראַבּישע דערפער האָט דער טויט אומ׳ברחמנות׳דיג געשניטען, איז אין די יודישע קאָלאָניעס ניט געווען קיין איין טויט־צופאַל.

די ענטוויקלונג פון די דאזיגע ווערים האט זעהר א גרויסע ווערטה. דאס זענען די ערשטע אייעלעך, פון וועלכע'ס וועלען אויס־וואכסען די געזעלשאפטליכע פארמען, אין וועלכע ס'וועט זיך אויס־גיסען דאס צוקינפטיגע אונאבהענגיגע יודישע לעבען.

איך וויל אייך שוין מעהר ניט מיעד מאכען מיט'ן אויסרעכענען נאך א גאנצע רייה ווייניגער גרויסע פאקטען, וועלכע האבען פאר זיך א גרויסען ווערטה. וועלכע מאהלען אונז קלאר דאס בילד פון דעם, וואס דארט קומט פאר און וואכסט אויף. איצט, ווען איך האב אייך גאר בקצור, אין געמיינזאמע שטריכען, אויסגערעכענט, וואס מיר האבען בעקומען אין ארץ־ישראל פאר די 25 יאהר, וועט איהר דאך געוויס פרעגען: צי זענען מיר צופריעדען מיט די רעזולטאטען. דערויף וועל איך אייך ענטפערן: „יא און ניין". יא—אויב מיר וועלען צוגעהן צו דער פראגע פונ'ם שטאנדפונקט פון יענע כחות, וועלכע מיר האבען אוועקגעלעגט און יענע קאלאסאלע מכשולים, וועלכע זענען געשטאנען אויף אונזער וועג, און ניין—אויב מיר וועלען צוגעהן צו דער פראגע פונ'ם שטאנדפונקט פון דעם גרויסען צוועק: פון דעם יודישען זעלבסט־שטענדיגען מלוכה־לעבען אין ארץ־ישראל.

אינ'ם ערשטען פאל האבען מיר זעהר פיעל אויפגעטהון; אין צווייטען—זעהר ווייניג. און אז מיר גיבען אזא ענטפער, ווענדען זיך צו אונז די פארשטעהער פון פערשיעדענע לאגערן מיט א פארוואורף מיט א געשפעט אויפ'ן פנים. איך וועל זיך דא אב־שטעלען נאר אויף צוויי מינים פארוואורפען. קודם כל ווענדען זיך צו אונז מיט א געשפעט מענשען פון יענעם לאגער, וואו ס'ענטוויקעלט זיך אויך אנ'אידעען־לעבען און ס'פיהרט זיך א שטארקער אידעען קאמפף. זיי זאגען אונז: „וואס האט איהר אויפגעטהון? עטליכע קליינע קאלאניעס—אט דאס איז גאר, וואס איהר האט געגעבען דעם יודישען פאלק".

דערויף ווער איך אייך, ווי אנ'עכטער יוד, אויף די פראגע ענטפערען מיט א פראגע: „און וואס האט איהר אויפגעטהון? איהר וועמענס העלדישקייט איז, בלי ספק, זעהר גרויס; איהר, וועלכע האבען הונדערטער פון אייערע חברים אוועקגעשיקט אויף די תליה און טויזענדער אין די קאלטע סיבירער וועלדער; איהר, וועלכע האבען פיעל מיטגעווירקט צו רוסלאנד'ס אויפוואכען, אט דאס אויפ־וואכען, ביי וועלכען ס'האט זיך, אגב, אויפגעחאפט די חיה און

מענשען, און אויפחאַפּענדיג זיך, האָט זי מיט איהר גאַנצער ווילדער קראַפט אַ וואָרף געטהון זיך איבער די ליניע פונ׳ם קלענערען ווידער-שטאַנד, אויף אונזער פאָלק, און אַ דאַנק דעם האָט זיך געגאָסען און ס׳גיסט זיך בלוט טײַכענווײַז, און דאָס פאָלק איז אינגאַנצען צוראַבירט און פּעראָריסט, וואָס האָט איהר אויפגעטהון פאַר דעם יודישע פאָלק?—נאָר ניט! דאָס יודישע פאָלק איז עד-היום גע-בליבען דער זעלבער פאַריגער צווישען אַנדערע פעלקער, ווי ער איז געוועזען פאַר אײַער אַרויסטרעטען. „יאָ״, וועט איהר מיר ענטפערען: „בײַ אונז אָבער איז פאַרהאַן אמונה, בײַ אונז איז פאַרהאַן אַ האָפנונג, בײַ אונז איז פאַרהאַן אַן׳אידעאַל״. אויב יאָ אַזוי, טאָ לאָמיר מאַכען אַ חשבון. אײַער אמונה איז אַן׳אמונה פון נעכטען; אונזערע אָבער איז אַן׳אמונה פון צוויי טויזענד יאָהר. אײַער אידעאַל איז צו ווערען בירגער פונים פרײַען רוסלאַנד. פאַר אײַך איז דאָס אַן׳אידעאַל; פאַר אונז אָבער איז עס אַן׳איבערגאַנג׳ס-שטופע אין אונזער פיעל-לײַדענדער געשיכטע. אונזער אידעאַל וועט דורכגעהן אָט די שטופע, עס איז בלי ספק פיעל גרעסער, פיעל גראַנדיעזער—אונזער אידעאַל איז—צו ווערען בירגער פון פרײַען יהודה.

ס׳געהען צו אונז צו מיט אַ פּאָרוואורף מענשען פון אַן׳אַנדער לאַגער—דער יודישער סוחר, דער יודישער קרעמער, דער יוד, וועל-כער איז געוועהנט צו מעסטען אַלץ מיט זײַן קרעמערישען אַרשין: אַלץ אײנס מיט וואָס און וואו ער האַנדעלט, צי בײַ דער שטעל אויפ׳ן מאַרק אָדער אין אַדוואָקאַטישען קאַבינעט. אָט די מענשען זאָגען: „יאָ, דאָס אַלץ איז גאַנץ גוט, ס׳קאָסט אָבער זעהר טײַער. פאַר אָט דאָס געלד וואָלטען מיר ערגיץ אַנדערש בעזעצט מעהר יודען, אָדער דאָ אויפ׳ן אָרט וואָלטען מיר געהאָלפען מעהר אביונים״. זיי קאָנען מיר ענטפערען אָט וואָס: איהר מיט אײַער אַרשין קריכט ניט צו אונזער אידעאַל! ניט איהר קאָנט איהם אָבמעסטען,—איהר וועט איהם נאָר פעראומרײַניגען מיט אײַער צוריהרען-זיך. געהט לערענט זיך בײַ׳ם פאָלק, צווישען וועלכען איהר לעבט, און צו וועלכען ס׳ציהט אײַך אַזוי שטאַרק. דאָס פאָלק האָט זײַן מלוכה, זײַן ערד, זײַן קולטור: איהם פעהלט נאָר אײנס—בירגערליכע פרײַהײַט. מחמת דעם אײנציגען צוועק ברענגט דאָס פאָלק קאָלאָסאַלע קרבנות. פון דעצעמבער 1825, שוין 82 יאָהר, אַז עס שיקט אײן מחנה נאָך דער צווײַטער אין דער מלחמה, צו עראָבערען אָט די פרײַהײַט. און

איהר—אַ פאָלק, וועלכעס האָט זיין אייגענס נאָרניט און דאַרף ערגעבערען אַלץ: ערד, אַ מלוכה, קולטור, פריַהייט,— זאָגט איהר, אַז די אַרבייט קאָסט טייער!

און צו אייך, ציוניסטען, ווענד איך זיך און זאָג: איהר זעהט, אַז איהר האט אויפגעטהון זעהר ווענינ פון דעם, וואָס אונז איז נויטיג. נאָר שרעקט אייך ניט. זאָל אייך אין אונזער אַרבייט דיענען פאַר אַ בייַשפיעל אונזער אַלטער טהוער נחמיה: ווענען איהם ווערט אין „תנ"ך" דערצעהלט, אַז מיט איין האַנד האָט ער געשאַפען, ער האט געבויט די ירושלים'ער פעסטונגען, ער האָט געלענט א שטיין אויף אַ שטיין, אַ ציגעל אויף אַ ציגעל, און אין דער אַנדערער האַנד האָט ער געהאַלטען שווערד, מיט וועלכען ער האָט געקעמפפט קעגנען די אויסערליכע און אינערליכע פיינד. איהר טהוט אויך אַזוי: מיט איין האַנד שאַפט דאָרט, לענט אַ שטיין אויף אַ שטיין, טראָגט אַ זעמדיל נאָך אַ זעמדיל; און מיט דער צווייטער האַנד קעמפפט דאָ, נאָר ניט מיט אַ שווערד: דאָס דאָזיגע געוועהר איז שוין לאַנג אַלט געוואָרען. מיר האָבען אַ בעסער געוועהר, וועלכעס איז פיעל שאַרפער פון אַ שווערד און קריכט אַריין אַסך טיעפער אין האַרצען דאָס איז דאָס געוועהר, מיט וועלכען גאָט אַליין האָט זיך בענוצט, ווען ער האָט די וועלט בעשאַפען אַרבייט. און אָט וואָס איך זאָג אייך: זאָל אונזער דעוויז זיין: וואָרט און טהאַט. דאָס וואָרט דאָ, אין די פיעלע לענדער פון אונזער נעגענוואַרט; און טהאַט דאָרט—אין דעם אייַנציגען לאַנד פון אונזער צוקונפט.

Тип. Наума Гальперина, Одесса, Екатерин. 36.

# Пудра
# Бѣлый Цвѣтокъ




Т-во
## А. Ралле
Москва

ПАРФЮМЕРІЯ
СЕРЕБРИСТЫЙ
ЛАНДЫШЪ

Т-во А. РАЛЛЕ и К°

---

Принимается подписка на еженедѣльную газету

## „РАЗСВѢТЪ“

(9-ый годъ изданія)

**посвященную еврейскимъ интересамъ.**

Подписная цѣна

на 1 годъ—5 р., 6 мѣс.—2 р. 50 к., 3 мѣс. 1 р. 25 к.

**Адресъ редакціи и конторы: С.-Петербургъ, Торговая, 11.**